STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03118

DOS YINGL FUN DIZSHON

Arie Shamri

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אריה שמרי / דאָס יִינגל פון דיזשאַן

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
תל־אביב, תשכ"ט

אריה שמרי

דאָס וויגל פֿון דורשטאָן

Arie Shamri / The Lad from Dijon / A Poem
Publishing - House "Israel - Book", Tel-Aviv, P.O.B. 1777

אריה שמרי / דאָס ייִנגל פון דיזשאָן / פּאָעמע
צייכענונגען — יואב שועלי
שער־בלאַט — אמציה כ״ץ
פֿאַרלאַג „ישראל־בוך“, תל־אביב, ת.ד. 1777

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון
עליזאַבעט און ווילי שאַר־פאָנד
בײַם יידישן שרײַבער־פאַראיין אין ישראל

©
כל הזכויות שמורות
נדפס בישראל
Printed in Israel, 1968

דפוס „ארזי“, תל־אביב, אילת השחר 4

צו געשטאַלטן און דערמאָנען דעם נישט־דערזעענעם און פאַרגעסענעם ע ט י ע ן ק אַ ב ע, דעם בעל־חלומות און מורד פון דער שטאָט ד י ז ש אָ ן, אויף זיינע אַלע וועלטוועגן אין שטורעם פון 19טן יאָר־הונדערט, אין די קאַמפן פון פּאַריזער אַרבעטער־פאָלק און אינעם פּיאָנערישן פּרווו פון די איקאַרישע קאָמו־נע־עדהס צווישן אַמעריקאַנער סטעפּעס. זיין לאַנג־יאָריקער געראַנגל מיט זיך און מיט אַלע צווישן בשורה און שטרויכל — איז אַ ליד וואָס מאָנט אַ ליד... דאָ, אויף קיבוצישע פעלדער, קום איך דערמאָנען און באַלעבן זיין וועג און זיין נאָמען.



צו זײַן נאָמען

אַ צײַט אַן אַנדערע האָט מיך גערופֿן,
שטראָפֿנדיק געפּלעמלט פֿון אירע זשאַרן:
ווי זעסטו מיך — צי נאָר מיט טויטע גופֿים?
ווי שאַצסטו מיך — נאָר שטויב פֿון קאַלענדאַרן?

כ׳האָב דערפֿילט ווי אויף מײַנע ברעמען צינדט ווער
אַ ליכט אַזאַ פֿון יאָרן לאַנג פֿאַרלאָשן.
עמעץ גייט צו מיר פֿון אַ ווײַטן צווינטער
מיט געשאָרך פֿון אַן אַלט-לעגענדיש לשון.

פֿון יאָרהונדערטס ראַנד — אַזאַ ווײַטע פּאַווע,
און וואָס מײַן זכות — זי זאָל צו מיר דערפֿליִען?
ווער ברומט עס אויף מײַן אויער: חבר, חבר,
און פֿאַקלט וועלטס מיראַזשן אויף מײַן וויִע?

פֿאַר וואָס דווקא איצט און צו וואָס דווקא מיך —
וואָס וויל פֿון מיר דאָס האַרנטום פֿון מתים?
נאָר באַלד האָב איך דערהערט: שטיי אויף, קום גיך!
מיט אַזאַ קול אַ וועקנדיקן, הייסן:

דערזע, דערקען דײַן דור — ווי קאַלט און קעלטער
ער ווערט אין שוועב אַרויף צו באַרג-אַראָפּן...
דײַן שטאַם דיך רופֿט, דער מורדישער צעהעלטער;
דײַן גלויבן היט — אין בלוט דעם רויטסטן טראָפּן!

ס׳האָט ווער אַ פֿאַקל געבויגן צו מײַן ברעם
מיט פֿײַערן אי סודיק אי באַקאַנט,
ביז דערזען האָב איך: ע ט י ע ן ק אַ ב ע — אַ שם
מיט רויט פֿון מאָרגנשײַן לויכטן אויף דער וואַנט.

— צי געדענקסטו נישט? ס׳איז ער און קום דערקען,
אויף דנאָען פון דײַן דמיון איז ער די זון,
דו ביסט װען מיט אים אין חלום־לאַנד געװען,
צי געדענקסטו נישט, צי װייסטו נישט דערפון?

װען, װי און װוּ — כ׳האָב מער שוין נישט געפרעגט
און געטרויט האָב איך די װוּנקען פון דער נאַכט.
אַ יאָרהונדערט האָט געבלעטערט זײַנע טעג —
און כ׳האָב דערוואַכט.

אין שײַן פון טאָג דערזען: צונויפגעקאַסלט
מײַן דאָרף מיט מי און טרוים אין צײַטנס פיבער,
און מיט אַלע װאָרצלען אין ליכטיק װאַקסן —
בין איך צו אים זינגענדיק אַריבער.

װאָס גרענעצן און ים? ס׳האָבן מײַנע פיס
זיך אָפּגעריסן פון די שװערע זוילן.
אָט איז דיזשאָנער טראַקט, ס׳פּאָניקט נאָך פּאַריז
ביז סטעפּעס לואיזיאַנער װוּ פּאַרהוילן.

דאָרט און דאָ, אַמאָל און איצט, און אַלץ — ער און ער,
זײַן נאָמען צו געדענקען און באַשאַפן;
זײַן װײַטער בליק װאָס דערטראָגט צו דיר אַ טרער,
זײַן װאַרעם האַרץ װאָס הערט נישט אויף צו קלאַפּן

און מאָנט אין פעלד דאָ, צװישן װינט און זריעה:
קום צום ברייטן װעלטפעלד זיך מיט מיר טרעפן.
און אָט — די װיגשטאָט מיט זײַן העלע װויִע,
און אָט — דער קבר־שטיין װאָס בעט מיך: עפן.

אַזש פֿון דיזשאָן די ווײַנעדיקע שוימען
ביז ס"ט-לואי ווו קבר-גראָז פּרוווט וויאַנען.
קיין פֿלויט קאָן אַט די שטראָמעניש נישט צוימען —
און גלײַך אַהין בין איך געגאַנען.

ס'האָט מײַן טרער געזאָגט דאָרט: ניין, כ'וועל נישט קלאָגן,
ווײַל צו דיר מיך פֿירן וועגן טויזנט.
און ביז צום קבר-שטיין האָב איך געטראָגן
פֿון בייטן פֿון מײַן דאָרף די רויטסטע רויזן.

בײַם דיזשאָנער ברונעם

קיין דיזשאָן בין איך געקומען
צו זוכן שפּורן פון אַ צײַט.
אויף אַ בערגל נעבן ברונעם
האָט אויפגעשטערנט פון דער ווײַט.

אַ שמייכל פון אַרכיוויאַרן
האָט מיך אַהין מיט שפּאָט באַגלייט,
דאָרט ווו טיפע גײַזערס שפּאַרן
מיט אַ חלום נאָך נישט באַשיידט.

אויך אַזוי האָט דער מלומד
מיט קנייטש אין שטערן שטיל געלאַכט
און באַדויערט, פּולו־אומעט,
מײַן נישט־געשטויגן־און־געדאַכט:

וואָס זוכסטו דאָ — די אוטאָפּיע,
דעם נישט־געווען און נישט־פאַראַן?
ס׳איז אַ רעגנדל וואָס טראָפּיעט,
די וועלט איז לאַווע פון וואולקאַן...

איך בײַם ברונעם בין געשטאַנען,
געפּאָרשט בײַם שטויב, געזוכט אין מאָך.
אַ ליד פון לואי בערטראַנען
האָט אויפגעזונגען ווידער נאָך

פון דיזשאָנער ווײַטן נעכטן
ביז איצט, וועלטס דעמערשע מינוט,
פון חלומות און געפעכטן,
פון טוי וואָס טריפט געמישט מיט בלוט.

אײַנגעהערט אין אָט דעם טריפן
בין איך געשטאַנען שעהען לאַנג.
פונעם ברונעמס דנאָען-טיפן
איך דאַן דערהערט הוגאָס געזאַנג.

איך בײַם ברונעם בין געשטאַנען
אַדורכגעשטראָמט ווי פון אַ טײַך.
אין דער פינצטער זשאַן-וואַל-זשאַנען
האָב איך דערזען דאָרט ווי ער לײַכט.

רויבער, מלאך — אַלץ צוזאַמען,
שפיז מיט שטערן אין איין געפעכט.
איך בײַם ברונעם בין געשטאַנען
אין דעם סוד פון מיליאָנען נעכט.

בײַ דעם ברונעם האָבן ביימער
מיט רויטע צווייטן זיך געוויגט,
און אַ יִינגעלע אַ קליינער —
אויף שטערן האָט געבלעגדט זײַן וויג...

נישט געקאָנט האָב איך דערגרייכן
מיט מײַנע בײַלנדיקע פיס
צו די שטערנדיקע הייכן
אויף מורדים-טראַקט דיזשאָן—פּאַריז.

ביז אַ שטערן האָט אין ברונעם
אין מאָך געעפנט דעם אַרכיוו,
און כ'האָב דאָרטן אָפגעפונען
דעם סוד קאַבעס — אַ היעראָגליף.

ס'האָבן קוואַלן זיך געהויבן
פון אונטער מאַכן — בראַוו, ספּיראַל,
צו דעם הימלס הענגלען טרויבן
און צו דעם שאַרפסטן שטערנשטראַל.

אַרכיוויאַרן, טיף דערשראָקן
ביַים געלן בלאַט האָבן געקניט
פאַר קאַבע, דעם טויטן זקן,
וואָס הייבט ערשט אָן זיַין יינגל־ליד.

*

די באַנען ווערן שטיל ווי נישט געווען דאָ,
כ'קום אָן אַליין מיט מיַינע קאַראַוואַנען.
ווּהין און צו ווענען זיך ווענד דאָ —
איז דען מיַין דיזשאָן אין דיזשאָן פאַראַנען?

די רויכן פון די באַנען — קוים צו זען שוין,
נאָר פונקען און סיגנאַלן מיך נאָך יאָגן.
אַ ווער וועט מיך אויף אָט די גאַסן בענטשן
און וועמען מיַין באַגער וועל איך אויסזאָגן?

און באַלד — אין מיַין געזאַנגשטאָט כ'בין דערינען
מיט בירגערשאַפט פון זוכיקן געוואַגל.
מיַין פּילגערשאַפט, מיט אַלטן יידן־סימן,
האָט דאָ, אין אָט די לופטן, וואָס צו זאָגן.

כ'בין דאָ נישט פרעמד, כ'וועל דאָ אויך אָפּגעפינען
די טרער אין וויַין, דאָס הייליקע אין ליַידן, —
ווי די אַלטע יאָרן הייבן אויף אַ הימען
דורך פּורפּורדיקן בלוטגאָס פון באַלאַדן.

און שוין — איך־דו, מיט איין געפלאָטער ביידע
אויף די שטערן־בערגלעך ביים אַלטן ברונעם.
אַ לעגענדע, מיט פּנים פון אַ זיידע,
באַגריסט מיך מונטער־יינגלש צו מײַן קומען.

פון די ראָגן לעמפּלט, עס ווינקען שענקען
און אַלט־דיזשאָגער ווײַן וויזט זײַנע שוימען.
דאָס קומען יאָרן — בענטשן מיט געדענקען
מיך, דעם פּילגער פון אַלע וועלטנטרוימען.

און שוין — ביים שוועל מיט די פאַרמאַכטע טירן,
ווו עס גרינט דער מאַך אַרוים פון אַלטע קאַמערס.
די שוואַלבן זינגען דאָ אַ שיר־השירים
צו דיר, אוטאָפּיע, צו קאַבעס שולמית.

איך שטיי דאָ אײַנגעהערט און טרינק די דופטן:
ווי זינגיק איז דאָס אָרט וואָס כ׳האָב געטראָפן!
די שוואַלבן שוועבן שטראַליק אין דער לופטן
און כ׳הער דאָס ליד בראשית צו אין־סופן.

*

כ׳לאָז איבער אַלץ, די גאַס, דעם ווײַן, די קאַרוסעלן,
דעם שוימענדיקן רויש, דעם פּלאַטער פון „קאַנקאַנען".
מיך ציט דאָס גרינע הויז, די פרעכנעדיקע שוועלן,
ווו ס׳איז געווען, ווו ס׳וועט נאָך זײַן, ווו נישט פאַראַנען.

און אַט — כ׳בין אינעווייניק אין סודיק גרינעם הויז,
ווו געדענקלעך און געדאַנקלעך מײַן דמיון צינדט זיך.
מיט ברעמען צוגעשלאָסן זע איך אַ קינד אויף שווים —
עס שטערנט אויף זײַן קאָפּ און אַ לעגענדע שפּינט זיך...

נאָך יאָגט מיך נאָך די גאַס מיט שיכּורע געהילכן:
וואָס לויפסטו פון מײַן ווײַן, פאַר פרייד וואָס האָסטו מורא?
נאָר איך אין גרינעם הויז — איך טראַכט פון יענע מילכן
וואָס טריפן שוין מיט בשׂורות באַלד מיטן געבוירן:

אַז נישט יעדער קאָן אין דער הייבאַמס טבֿילה־וואַסער
די זאַלבן פאַר זײַן קאָפּ מיט לויטערקייט געפינען;
נישט יעדן איז באַשערט צו ווערן אַ מבֿשׂר
און דורך הונדערט יאָרן נעכט טראָגן אַ באַגינען.

איך טראַכט עס דאָ, אין דעם מאָכיק וואַקלדיקן הויז
ווו קאַלכן קרישלען זיך אויף אוצרות טיף באַהאַלטן.
אַן אַלטער גריל דאָ גרילט און פון אים זיך ניגונט אויס
דער חלום פון אַ קינד וואָס הייבט ערשט אָן געשטאַלטן.

איך שטיי אין גרינעם הויז, מיר דאַכט: ס'איז וועלט אין מיטן
און צײַטן שטראָמען דאָ צוריק צום מויל פון קוואַלן.
פאַרגעסעניש, טרעט אָפּ, דו האָסט דאָ נישט קיין שליטה,
דײַן אָרט איז דאָרט, בײַ דעם פאַרשווינד פון קאַרנאַוואַלן.

דאָרט צאַנקט שוין דער יאַריד, צעגאַנגען קאַראַהאָדן.
בלויז אויף די וועגן טראַמפּלט נאָך דער לעצטער עכאָ.
דאָס אַלטע הויז גרינט איצט דורך שפּאַלטן פון דעם לאָדן
און די מאָכן בליִען, בליִען, דאָס הויז ווערט העכער.

ס'איז איצט בײַם סוף פון טאָג ווען ס'טריקנט ווײַן אין העלדזער,
איצט ווײַנט אין גרינעם הויז דער תּמצית פון די ווײַנען.
אַ טרויב — אַ שטערן מיט די וווּנדערן פון העל־זען
באַרוישט מיך איצט צו זאָגן הויך מײַן אני־מאמין.

אני מאמין, וועלט, אַז אַ מאָל אין דײַן צעליכטונג
וועסטו דאָ, אין דיזשאָן, הינטער לאָדנס אָט אַ די,
צוריק אויפמישן די בלעטער פון געשיכטע,
ווען געחלומט האָט קאַבע ב ר א ש י ת — יעדן פרי.

איך זע עס שוין און כ׳קום דאָ הײַנט דער ערשטער פילגער,
מיט בראַנד פון מײַנע ליפּן מאָך דעם צו באַרירן.
כ׳בין אַליין, נאָר עס שטרעקט ווער שלומדיקע פינגער
און דאָס חורבהדיקע הויז צעעפנט ברייטע טירן.

אָט איז די וויג ווו אַ בשורה איז ווען געשטאַנען,
ווו ס׳ציט דעם ניגון נאָך אַ גריל אַ מאָנאָטאָנער.
אָט דאָ צעזינג איך, וועלט, מײַן אַלטן אני־מאמין,
דאָ, אַקעגן ברונעם, אויף גאַסן די דיזשאָנער.

*

דאָס האָט אַ ווינט מיט הארטע קאַסטאַניעטן
געטופּעט אויף די שטיינער, דערמאָנט דעם טראַקט
די לאַנג־פאַרגעסענע אַנטואַנעטן,
דאָס גאָלד און פײַער, די בשורה בײַ דער האַק.

ווי זי, מאַריאַ, האָט דעמאָלט מיט איר לואין
פון אַלע שפּײַכלערס פאַר דער קרוין פאַרנומען,
זייער ווײַן און בשמים געצאַפּט פון תבואה
און צום פאָלק איז אַ לעבל נישט געקומען.

ס׳האָט דעמאָלט פײַן געראַצט די שטילסטע הערצער
און ציין האָבן געקריצט בײַ לערע טעלער,
ביז אויפגעשטאַנען זענען שטעט און דערפער:
גענוג מיט לואיס ווּילטאַג, מאַריאַס בעלער!

און אונדזערע דיזשאַנער — זאָגט דער זקן:
ס'האָט זייער הונגער ווי אַ סם געווירן,
ביז פּאַריז, גאַנץ פּאַריז האָט זיך דערשראָקן
און די קרוינען מיט די קעפּ אָנגעוווירן.

דאָס האָבן זיי — דיזשאָנער, די „גזלנים",
מיט גוטס פון האַרץ געוואָרפן זייער פּחד.
און נאָר מיט כּבוד דאַרף מען זיי דערמאָנען,
ווײַל ס'האָט דיזשאָן איר כּבוד נישט פאַרשאַכערט.

איר בלוט איז היציק, אירע ווײַנען שטראָמען
און אירע קינדער וואַקסן — נישט קיין דינער.
ס'איז איר שטאָלץ באַקאַנט, ס'איז געקניפּט איר נאָמען
מיט הייסן אָטעם פון די יאַקאָבינער...

דעם זקנס בליק לויפט ווו אין ווײַטע העקן,
ער וויגט זײַן קאָפּ און ס'זאָגט מיט וווּנק זײַן ווי̇ע:
דיזשאָן, דיזשאָן — זי וועט נאָך אַלץ באַוואָרן,
מיט רום פון איר לעגענדע וועט זי בלי̇ען.

ס'קלאַפּט זײַן שטאָק אין ברוק; ער, דער שומר, היט זי.
די קנייטשן פון זײַן פּנים — אירע שפּורן.
אויף זײַנע ליפּן — פלאַמיק רויזיק בליט זי,
מיט פאָן און פלאַם, מיט נעמען און פיגורן.

די גאַסן די דיזשאָנער אין דעם אָוונט
זיך ברייטן האַריזאָנטיק מיט זכּרון.
די צײַטן פון לאַנגאָן זיך שטעלן נאָענט,
מיט דערנערקרוינען שײַנען אויף די יאָרן.

היסטאָריע, אין אַ העמדל נישט קיין זײַדנס,
באַװײַזט זיך נאָענט, װאָרעם — צו געדענקען,
װי אַ גאַסט אַ װײַטער — און באַלד געלאַדן
גוטברודעריש צו טישן פֿון די שענקען.

דאָ זעסטו זײ, די שטאַמיקע פֿון יענע...
און דיר, היסטאָריע, װײַזן זײ דאָס פּנים.
קאָנסט דאָ געפֿינען און קאָנסט דאָ דערקענען
די זין און אײניקלעך פֿון די „גזלנים".

זײ הײבן בעכערס, זײ שטױסן דעם ביליאַרד
און מעסערן גזלניש די קאָטלעטן.
דערמאָן זײ נאָר אין דעם צונדיקן אַזאַרט,
װי מען צינדט דעם שלעפּטוך אַנטואַנעטן.

װײַל דו פֿון צײַטן — ביסט דאָ נישט קײן פֿרעמדע.
דײַן שוים — אין װײַן, דײַן פֿונק — אין אַלע ליכטער.
דו — פֿונעם שטאָלצן הונגער די לעגענדע,
דו — רױטער בלאַט דיזשאַנס אין דער געשיכטע.

דער זקן היט אים און ער מישט אים װײַטער
בײַם טרינקטיש און בײַם שפּילטיש דאָ אַקעגן,
ביז אין היץ פֿון װײַן פֿלאַקערט אױף אַ שײַטער
און מורדים גײען אױף די אַלטע װעגן.

שפּעט־נאַכט און באַלד די בלאַסע לאַמפּן קניִען.
עס קומט פֿאַרבײַטן זײ אַ הױכער שטערן.
דאָס איז די שעה װען לעגענדעס בליִען —
און ס׳קומט אַ יינגעלע ע ט י ע ן זײ הערן...

דעם בעדנערס זון

וואָס טוט אַ בעדנערמאַן אַ פּראָסטער?
מיט רייפן שטאַרקט ער פאַס נאָך פאַס
און שטעלט זיי אויס אין רייען לאַנגע
ביז ער פאַרנעמט די גאַנצע גאַס.

דערפאַר בליט אין דיזשאָן דער ווײַנשטאָק —
די פעסער אָנצופילן פול,
און אין די שענקען לאַכט מען הײַטער,
מען צאַפּט פון פעסער שיכּור־דול.

סאַראַ צוימען ווען ווײַנען שוימען,
וואָס איז די רייף, וואָס איז דער שפּונט?
דער אַלטער בעדנער קלאַפּט נאָך שטאַרקער
אויף שווערע פעסערס בײַכל־רונד.

וואָס טוט אַ בעדנערזון אַ יונגער
בײַ טויזנט פעסער גרייט צו ווײַן,
ווען ווײַנען שטראָמען אין די בלוטן
און אַנדערש שיכּור וויל ער זײַן?!

דערפאַר בליט אין פּאַריז דער חלום
אויף יעדער גאַס, אויף שטיין און קויט.
דאָרט פּאַכן פענער מיט דער פרײַהייט
און מיינען פּשוט — ווײַן און ברויט.

ס'האָט דאָרטן האַרבסט אין ווײַן געבלוטיקט,
אויף יעדן שטיין צעשפּראָצט אַ רויז.
דערפאַר דיזשאָנער ווען פירן
אַ בעדנערס זון אין וועלט אַרויס.

גערופן האָט פּאַריז אַ יִינגל
צו זאַלבן אים פאַר איר טריבון:
די ווײַנען מ'זש צונויף מיט טרערן
און שוימען זאָל דאָס ליכט פון זון!

גערופן האָט זי אים צו גאַסן —
אויפצורײַסן פון לייד דעם שפּונט,
עס זאָל זײַן וואָרט די מידסטע וועקן
מיט יונגן ברען און שאַל פון בונט.

און טרײַ צום רוף איז ער געגאַנגען,
ס'האָט אויך זײַן האַרץ אַזוי פאַרלאַנגט.
אין טויזנט פעסער האָט געשוימט שוין
די רויטע טרויב פון זײַן געדאַנק.

אַ רוף פון דרויסן — אין דערינען,
אין אָדערנס צעזידטן ווײַן:
קום, גיי אין שטאָט צו אירע מאַרקן
און מאַך זיי אַנדערש שיכּור זײַן.

און ס'האָט די שטאָט אויף אירע מאַרקן,
אים, דווקא אים געזאַלבט דערפאַר
מיט טאָפּלקרוין: בונטאַר און חכם —
אַ פילאָזאָף און קאָמונאַר.

דערפאַר בליט אין דיזשאָן דער ווײַנשטאָק
ביז אַצינד פון לאַנגאָנען ווען.
און אַלע וועגן דאָרט געדענקען
דעם אַלטן בעדנערס זון ע ט י ע ן.

צווישן זומער און האַרבסט

דער זומער גייט אַוועק צום שאַץ פון יאָרן,
די לעצטע טרויבן פירט מען שוין אין קעלטער.
אַ ווינט שוין ברויזט מיט זעגענונג און פאָרן,
דיזשאָן זיך וואָלקנט און עס טראַכט די עלטער...

אין אַלע שענקען צינדט מען לאָמפּן העלער —
די שאָטנס פון טישן אַוועק צו טרייַבן,
נאָר עס טריפט שוין האַרבסט אויך אויף די טעלער,
די גרינגסן בלאַסן און די שאָטנס בלייַבן.

שטאַרקער וויגט מען די גלאָקן אין די טעמפּלען
צו טרייַבן די כמאַרעס פון די מאַדאָנעס,
נאָר אַלע קלאַנגען — ווידערקלאַנגען טעמפּע
און עס שרייַען הייזעריק די וואָראָנעס.

דער זומער גייט אַוועק צום שאַץ פון יאָרן,
דער האַרבסט קומט מיטן ווינט פון ווייַטע כּרכן.
עס ברויזט דער טראַקט מיט זעגענונג און פאָרן,
דיזשאָן — פּאַריז, אַ יינגל פּאַקט די זאַכן.

— צו וואָס לויפן זיי, די פלאַטערלעך, אַהין,
צי טויגן נישט די מאַמעס הוייכע נעסטן?
ווי די פּאָפּוגייַען פּוצט מען זיך רויט-גרין —
ס'איז דער סם און פלאַם פון די מאַניפעסטן...

שכנות ברומען: וואָס קאָן שוין אַזאַ יאַטל
אָן זייַן מאַמעס האַנט, די גוטע און געטרייַע?
דאָס גרינע שפּענצערל, דאָס רויט קראַוואַטל
וועט נישט באַשיצן אים אין בייזן פייַער.

אָ, היט גאָט, באַשירעם דאָס פראַנצייזיש לאַנד
וואָס בונטעוועט און וויל פאַר דיר נישט קניִען.
אַ דראַקאָן האָט עס פאַרשאָלטן און פאַרסמט
און אַלע קלויסטערס פוסטן, שטשורעס ריִען.

ס׳איז אַלץ פון דאָרט, דעם טײַוולס בייזע פעסטן.
ס׳ציט פאַריזס חולאַת די יִינגלעך זשעדנע.
ס׳איז די שלאַנג אַרײַן אויך אין דײַנע נעסטן —
שרײַען שכנות צו דעם פאַרטראַכטן בעדנער.

ער שווײַגט, דער פאָטער, גראָ און אײַנגעבויגן,
קוים אַרויסצוזען פון די הויכע פעסער.
אַ טרער שטאַרט שווער אין זײַנע רויטע אויגן,
זי זידט און יוירט ווי ווײַן און גלאַנצט אויף גרעסער.

אַ פויגל פליט אַדורך מיט זיגזאַג־פליגל,
זײַן שאָטן וואַרפט ער אויף דיזשאָנער וועגן.
אָ, גיכער, גיכער! הער, דער גורל זיגלט —
אַ פויגל קלאַפט אויף שויבן: אײַל, געזעגן!..

דער בייזער שכן

די יִינגלעריַי, די צינגלעריַי — גאָט באַהיט.
כ'בין פון מיַין אייגענעם שוין מיד
נאָכן מאַטער פון לאַנגע יאָרן.
אַן אַלטע גראָטע בין איך געוואָרן
ביַי די כיטרע פּיַיערלעך פון מיַין הולטיַיס אויגן.
דאָס איז אַ זומפּ מיט גראָז באַצויגן,
ער וויל איך זאָל דאָרט פאַרזינקען.
די שׂינאה — וויַיל כ'האָב אים געבוירן.
ער שמייכלט ווען ער זעט מיך הינקען
און ווי איך גיי יעדן טאָג פאַרלוירן.

מיַין קוזשניע רוישט, עס הירזשען פערד,
די געזעלן מאַכן אַ געפּילדער,
און ער, ער באַלעוועט אויף דער גרינער ערד
און מאָלט זיך זיַינע בילדער,
אַלץ ווילדער און אַלץ שלעכטער,
אויף קלאָמפּערשט — פערד מיט פליגל,
און בלויז די ווײדלען פלעכט ער...

כאַ־כאַ, ס'איז חוזק גאָר —
ער רעדט פון ניַיעם דור,
זאָגט צו: מלאכים.

אַזאַ דור — צו אַלדי יאָר
וואָס זיַינע פּאַטערס האַסט ער
און ער ווייסט נישט, סאַראַ שלאַנג וועט נאָך אים...

אונדז האָט כאָטש געהיילט די זונטיק־תּפֿילה,
נישט דאָס קניִען, פּרעפּלען, אַלטע שמאָכטעס,
נאָר אַ טאָג, איין טאָג אַ שטילער
צו זײַן מיט גאָטס אַ זון און גאָטס אַ טאָכטער.

אַנדערש גאָר מײַן זון און דײַנער —
הערצער פֿון ציגײַנער!
אַזוי דײַן זון מיט זײַן געריידע
ווי מײַנער מיט די פֿאַרבן.
כ׳וואָלט זיי צעשלאָגן ביידע
און מיטן האַמער פּלעטן אויך מײַן שאַרבן.
ווײַל זיי — זיי רעדן פֿון אַ נײַעם דור
און מיינען גאָר, צו אַלדי יאָר,
אַז איך און דו זאָלן שטאַרבן...

די רגע פון אָפּשייד

דאָס איז דער סדר און שטייגער
ווען וועגן רופן: געזעגן,
דאָס וויגל קוקט צו דעם זייגער
און מאָנט דעם זכות פון אַ רגע.

די ווײַזערס — הענדום און פענדום,
מיט צוואַנגלויף אַלץ צו באַצווינגען.
אין וויגל בלענדט אַ לעגענדע
וואָס בעט זיך: נאָך אַ מאָל זינגען.

און מער ווי רייד קומען בליקן
ווען וועגן קלאַפּן אויף שויבן.
אַלע פאַרויסן צוריקן
און ווילן דאַנקען און לויבן.

און אויך דער בראַווסטער אַנטלויפער
מוז ווישן די פײַכטע ברעמען,
און אויך דער לעסטערער־כּופר
ווייסט סאַראַ שולד און צו וועמען.

דעמאָלט די הענט זיך פאַרשליסן,
פינגער אין פינגער פאַרפלאָכטן —
ווידער דערפילן דורך ריסן
ווי אין געבוירן באַהאָפטן...

ביז אויך די וועגן אין פענצטער
איין רגע הינטערווײַל שפּאַנען,
ווען ס'זאָגט דער זון צו זײַן שענסטער
דאָס וואָרט דאָס איינציקע: מאַמע.

*

אַזוי איז דער שטייגער פון פאָטער,
באַלאָדן פון יאָרן מיט ערנסט —
צו צוימען אויף דנאָען פון אויגן
די וואַרעמע פלוסן פון טרערן,
און דעמאָלט ווען טרויערן פירן
אין ווינקלען פאַנאַנדער באַזונדער,
באַלד ווידער צום טיש אַלע ברענגען:
קומט טרינקען אַ גלעזל בורגונדער.

איין האַנט צו דער שמאַכטיקער מאַמען,
די צווייטע — דעם זון אויפן שולטער,
און ער — אין דער מיט, ווי אַ מאַסטבוים
מיט שטורעם אַליין אַ פאַרפולטער —
גאָר שמייכלען צעליכטיקט טוט ווײַזן,
צו וועקן די רו בײַ דעם זינקען...
און ער, בײַ דעם פלעשל בורגונדער,
די אַלעמענס טרערן מוז טרינקען.

און ערשט אין דער רגע דער לעצטער,
ווען אָפּשייד איז נישט צו פאַרמײַדן
און ווייען זיך רײַסן פון טיפן
ווי אַ פעלדז וואָס פלאַצט באַלד פון לײַדן —
איז דעמאָלט באַפרײַט ער פון גרונטן
דעם קרעכץ פון צעבראָכענעם ווייטיק:
גאָר הייסט עס, אַז פלעווע מײַן עלטער
און איך בין שוין קיינעם נישט נייטיק?

און דעמאָלט די ליפּן צו שויבן
פרעסן זיך פעסט — נישט צו זאָגן,
די ציינער צעבייַסן די ליפּן
אויף נישט צו אַנטפּלעקן מיט קלאָגן.
קיין הייליקייט קאָן זיך נישט מעסטן
מיט רגעס אַזעלכענע שטילע,
ווען איבער געשריי דעם באַזיגטן
גייט אויף מיט געמורמל אַ תּפילה.

אַ פליסטער פון ליבשאַפט דאַן שאָרכט זיך
און פייַכטיקט אַריבער די ברעמען.
מען בעט פאַר די קינדער פאַרגעבונג:
וואָס זענען זיי שולדיק, צו וועמען?
צי דען נישט מיט מילכן געזויגן?
צי דען נישט מייַן בלוט אַ געשאַנק אים?
און איך בין די שולד פון זייַן בלאָנדזשען,
דער סוד פון דעם מורדס געדאַנקען...

קיין ליבשאַפט קאָן דאַן זיך נישט מעסטן
מיט דער אַ פאַרשטאַנדיקער רגע,
ווען ווידער פון ברוגז געגעגנען
צוויי ווייַטע אַנטלאָפענע וועגן.
דער פאָטער — זייַן לולקע פאַרציט ער
און שנירלט מיט רויך ביז צום גאָרן
די הייליקע טרויער-מחשבה
פון בונד צווישן וויגל און אָרון...

*

כ׳קאָן נישט מער אומקערן די טרער
וואָס דו האָסט מיט מילכן פֿאַרגאָסן.
ס׳האָט אַ שטערן שטאָליק און שווער
מײַנע ליפּן שווײַגיק פֿאַרשלאָסן.

בעז פֿון מײַן בוים איז געפֿאַלן
און כ׳וועל נישט ווען ווידער וועט בליִען.
כ׳וועל נאָר מײַן שולד צו די קוואַלן
ווען די וואָלקנס איבער מיר ציִען.

קיין גאָב קאָן הײַנט נישט באַדאַנקען.
צו בלאָס אויך דאָס קרענצל מיט בלומען.
אַ לויב פֿאַר דײַנע געשאַנקען
טיף־טיף אין מײַן שטומקייט וועט ברומען.

און אויב כ׳טו גאָרנישט הײַנט זאָגן —
פֿאַרגיב, ס׳איז דער גזר פֿון מײַן ערנסט.
דײַן טרער אין זיך וועל איך טראָגן
אויך אונטער די בלוטיקע שטערן.

און ווײַן נישט איצט אויף די קינדער
ווען וועגן זיך הייבן מיט פֿײַער.
דײַן ליבשאַפֿט דאַרף מען אַצינדער
און שענק זי דײַן לאַנד אַ צושטײַער.

איך וועל צוריק זיך נאָך קערן
אין איינער אַ גנאַדיקער רגע,
ווי דורך די וואָלקנס אַ שטערן
און ווי נאָך די דונערס אַ רעגן.

כ׳וועל אפשר ווידער געפינען
מײַן רו וואָס כ׳האָב לאַנג שוין פאַרלוירן
און ווידער יעדן באַגינען
דיר דאַנקען פאַר נס פון געבוירן.

און דעמאָלט מער וועל איך זאָגן
פאַר אַלע פאַרשוויגענע ליבן.
איצט אײַל איך, בליצן שוין יאָגן,
זע, מאַמע, דאָס פײַער אויף שויבן!

אַ תּפילה בײַ קבֿרים

באָבעס, זיידעס, צלם-שטיינער,
קראַ פון קראָען, ציש פון שלאַנגען.
און ווער איז ער, אָט דער איינער
אין אָוונטליכט דאָ געגאַנגען?

אַ לעצטער בליק די צוריקן,
חסד-בליק אויף פּײַכטער וויִע:
נישט איך דעם בונד וועל צעפּליקן,
ווײַטער, העכער וועל איך ציִען.

זיידעס, קאָוואַלעס די האַרטע,
באָבעס, שפּינערינס פון זאָקן —
פון אײַך, צו אײַך פעדעם צאַרטע,
ליבע זקנה, קלוגער זקן.

דאָ, אין אָוונטליכט דעם מאַטן —
איין געזעגן-קוש צוזאַמען:
זיידע גוטער, בענטש מײַן טאַטן,
באָבע גוטע, בענטש מײַן מאַמען...

נישט געווען דערבײַ איז קיינער,
נישט געזען ווי אויגן שטראָמען.
נאָר געלויכטן האָבן שטיינער
אויפן ווילדגראָז צווישן צלמים.

אין צאָרן

אַלייען און גלעקער

ווײַט־ווײַט דיזשאָן, מאַט גאָלד אויף האָריזאָנטן.
דערלויב זיך בלויז איר דופט אין פּאָך פון ווינטן.
וואָס היים, וואָס וויג, וואָס דאַכטעניש דערמאָנטע?
ביסט דאָ, אין שטאָט פון שטעט און לאַבירינטן.

זאָג הויך: אַדיע. שוין צײַט זיך אָפּצושיידן
פון אַלע דײַנע דין־געשפּינטע פעדעם.
גיי אַרײַן אין די פלאָנטערן פון ליידן
און געפין אַ בשורה אין זיי פאַר יעדן.

דאָס איז דײַן גאַס, אָט דער הויף, אָט די טרעפּלעך.
אײַל גיך אַרויף צו דײַן מאַנסאַרדע אויבן.
דער טאָג איז מזלדיק, די שעה איז טרעפלעך,
דאָרט אויבן פלאַטערן אַ פּאָרל טויבן...

נאָר היט זיך, יינגל, זאָלסט זיך נישט אַנטוישן —
וועסט פיל נאָך זען אין פענצטערל דאָרט אויבן,
ווען וועסט דערהערן ווי די גאַסן רוישן —
און אפשר וועלן פאַלן אויך די טויבן.

ס'איז נאָר דער אָנהייב, וועסט נאָך זען דאָ מערער,
דאָ אויף די גאַסן ווו עס בליט די שינאה.
נאָך וועלן מיר, די שינדער און די שערער —
פון זיי די קעפּ אַראָפּ מיט דער טשופרינע!..

און גיך פאַרגעס דײַן בענקען און דײַן שווײַגן,
דײַן צאַרט געוויג אַמאָל — לאָז איבער שפּעטער.
אַזוי פיל קראָען זיצן אויף די צווײַגן —
הער, גלעקער קלינגען און עס פאַלן בלעטער.

*

די שטאָט פון שטעט — גראָ און פּאָמס אויף איר פּאַלעטער.
אויף יעדן טורעם גלאַנצט די שאַרף פון העקער.
דער שׂטן לאַכט אויף טראָן פון געלע בלעטער
מיט אַ געלעכטער און געהילך פון גלעקער.

אָט ווערט שטיל, אַלץ ווי מומיעדיקע גיפּסן,
און ווידער באַלד — ווינט די גלעקער שאָקלט.
עס כאַפּן זיך מאַרקיזן פאַר די שניפּסן
און ס׳פליט דער צילינדער מיטן בינאָקל.

אַראָפּ! אַראָפּ! עס בלאָזן די מיראַזשן
אויף באַרג־אַראָפּ פון טראָגנען ביזן צווינטער.
גיפטיק פליסן די ווײַנען צו דרענאַזשן —
אַ טאָג פון שײַטערס, די פּאַלאַצן צינדט ער.

אַ שפּילער ווײנט, צעבראָכן זײַן גיטאַרע.
דער שאַמפּאַניער אויפן דיל זוכט דעם בעכער.
און איבער אַלע שילדן פלאַמט אַ כמאַרע,
די קעלערס גייען אויף, עס זינקען דעכער.

נאָר זי, די פרייד אַליין, קאָן הײַנט אַנטלויפן,
און קיינער איז צו רו הײַנט נישט געלאַדן.
דאָס איז די נאַכט פון שײַטערהויפן.
דאָס איז דער טאָג פון באַריקאַדן.

צווישן מוזעס

נישטאָ שוין די מאַנסאַרדע מיט די טויבן.
ווי היימלאָז און ווי מענטשלאָז דער נסיון.
דער הפקר פּרווּוט אַצינד דאָס האַרץ באַרויבן
ביַי בריקן פון דער סען, ביַי אירע דנאָען.

און יעדע נאַכט — אַ שאָטן אויף די גאַסן,
אַראָפּוועגס צו אַ בריק — אַ דאַך געפינען.
און פול מיט צאָרן — און דאָך נישט צו האַסן
ביַים זען ווי שטערן פאַלן ביז באַגינען...

און יעדע נאַכט: „מסיע, מסיע" — אַן אָרעם
וואָס טוליעט זיך אין זשאַווערדיקן רעגן.
די גאַנצע וועלט — מיט איר, נאָך איר גייט אָרעם,
בלויז ליב־און־לײַב איר איינציקער פאַרמעגן.

מיט איר — איר פאַזש, איין־אויגיקער און קרומער,
מיט אַ בינטל סטרונעס פון האַרבסט געזשאַוורעט.
אָט דער איז איר קלעזמער, אַ טויטן־ברומער —
אַ הונט אַ דולער אויף זײַן פידל גאַווערט.

זיי בעטן איינינק בלויז אַ בידנעם טאָלער
פאַר זייער גנאָד די תענוגדיקע ווילדע.
און זיי אַקעגן שפּילט מיט פאַרב דער מאָלער,
ער טריפט פון וווּנדן גאָלד אויף זײַנע בילדער.

זי — געמאָלט ווי אַ צאַרטע פלאַטער־כּלה
מיט ווייכע רונדן, בתולהדיקע חנען,
און ער — אַ יִנגעלע, אַ בלאָער מלאך —
זייביידע אויסצוקושן און צו וויינען...

און ער שפּריצט מיט גאָלד און פּינטלט מיט פּיאָלעט —
איין ליגן אויפן צווייטן — פּעטע שמירן,
פאַר אַלע די וואָס חלומען אַ חטא
אויף אָט דער האָרב-גאָס ביַי מאָנמאַרטערס טירן.

— פאַר זיי דיַין מוזע, כוואַט דו, גרויסער קאָנער,
דאָס ביסל אייל-געטריפּעכץ אויף פּאַלעטער? ! —
אַזוי פרעגט דער נע-ונד, דער דיזשאָנער
ביַי דעם פּאַלעטער ווי דער טויט שפּרייט בלעטער.

ווי געל, ווי שוואַרץ, ווי קנייטשיק און צעבויגן
דער בלעטערפאַל — גאָטס זעלבסטמאָרד אין אַלייען.
— זאָג, מאָלער, צי דערזעען דיַינע אויגן
אויף מאָנמאַרטער באַרג דעם טאָל פון ווייען?

נישטאָ קיין ענטפער, עס שוויַיגט דער איינער
און ווידער מיט זיַין ליגן מאָלן וועט ער.
סיַידן, ריַיס אַרויס פון ברוקן אַלע שטיינער
און שליַידער זיי אויף מוזעס און אויף געטער.

באַלד ווידער נאַכט — און ווידער: „מסיע” — איר בעטן — — —
יעדן שיינעם ליַיוונט וויל ער איצט צעפּליקן.
אַ בייזער שטערן טוט אים איצט באַגלייטן
אויף דעם נידערוועג אַראָפּ צו בריקן.

אַ בריוו פון גאַסן

דאָס שרײַב איך אויף אַ ראָג, די גאַס איז שמאָל,
הימלען זעט מען קוים ווי דער קוימען ריסט.
כ׳בין נאָך אַלץ אַ גאַסט, כ׳ווייס נאָך נישט מײַן ראָל,
וואָס וואַרט אויף מיר, וואָס וויל פון מיר פּאַריז.

כ׳האָב רגעס רו אין גאָרטן אויף דער באַנק
בײַ דעם רויזנרויט און אונטער ביימערגרין,
נאָר ווי אַ בין צעבײַסט מיך דער געדאַנק:
די נאַכט קומט אָן און כ׳ווייס נישט וואוהין...

ווער איז מיט מיר? דער אַלטער בטלן — ווינט,
פון גאַסן טראָגט ער דעם געשפּריי פון קויט.
ער קלאַפּט אויף יעדער רינווע ווי עס רינט
און מיט אַ זשאַווער בײַסט ער אײַן מײַן הויט.

נאָר איינער דאָ, זײַן בליק צו מיר ווי ווײַן,
זײַן פּנים זאָגט מיר: יונגער מאַן, האָב ליב.
זײַן קוזשניע איז מײַן היים און ער וועט זײַן
אַ פרײַנד אין וועג און אויך מײַן פּאַן און ליד.

אַט קומט ער אָן פון קוזשניע בײַ דעם ראָג
און זײַן שמייכל העלט שטראַליק אויסגעשפּרייט.
די גאַס איז קאַלט, מען זעט שוין קוים דעם טאָג
און ער בעט מיך אַהיים צו ליכט און פרייד.

ס׳איז נאַכט פון האַרבסט, דער הפקר-ווינט שוין ברומט.
נאָר ער, זײַן בליק — גלײַך ווי אַ שטערן גריסט.
ער איז פאַר מיר דער פונדאַמענט בײַם גרונט,
דאָס האַרץ און די נשמה פון פּאַריז.

בײַם שלײַפֿראָד

אומזיסט דער ברום פֿון גלעקער נאָטרדאַמער
און דאָס כיטרע פֿרעפּלען פֿון קאַפּוצינער.
נישט איך װעל גײן אין דער מאָנאַכן־קאַמער
און נישט איך געבוירן צו זײַן אַ דינער.

קײן גאָלד, קײן רום, ס׳װעט קײנער מיך נישט קױפֿן.
ס׳שױמט דיזשאָן אין בלוט מיט װײַן־פֿערמענטן...
אַדיע, דו פּומרל, װעסט מיך נישט טױפֿן,
דײַן הײליק גאַרטעלע װעט מיך נישט פֿענטן.

נישט גאָט, נישט מלך און נישט קײנער, קײנער.
אומזיסט דער ברום פֿון גלעקער נאָטרדאַמער.
דער הונט דאָרט אױפֿן שפּיץ זאָל גריזשען בײנער...
איך — ס׳איז מײַן גוטמאָרגן צו ראָד און האַמער.

בײַ אײַך, מעטאַלענע, דאָס שלײַפֿראָד פֿינקלט
און דאָ, צװישן פֿונקען — דאָ איז מיר װאַרעם.
אַ גוט־מאָרגן דעם מײַסטער און דעם ייִנגל
אױף גאַסן װו עס װאַקסן קאַמונאַרן.

אין אײַך קוראַזשן, האַרטער שטאָל מיט מוזע.
איעדנס ראָק — אַ פֿאָן אין שװײס געטונקען.
אָ, זאָגט מיר: יאָ. איך װיל אױך אַ בלאָע בלוזע
און איך װעל זי קנעפּלען מיט רױטע פֿונקען.

און דאָ, בײַם שלײַפֿראָד, כ׳װעל מיט פֿונקען צינדן
מײַן בלוט־באַרוף, געדאַנקען שאַרף געשליפֿן,
פֿאַר האַרץ פֿון קנעכט, פֿאַר אױגן פֿונעם בלינדן —
דאָס העלסטע ליכט, די נײַסטע היעראָגליפֿן.

ביכער

די הויכע פּאָליצעס מיט ביכער —
אויך אין זיי איז שׂינאה פֿאַרהוילן.
דאָרט לאָקערט פּלאַם, דאָרט אָטעמט וויכער
און ס׳פּרעסן שטילערהייט די מאָילן.

ווער שיקט די מאָילן ביכער קײַען
און רײַסן בלעטער מיטן טעוול?
דאָס שיקט זיי ער, דער מערדער קין,
ווײַל דאָרט באַוויינט מען טויטן הבל.

זיי, זיי די מאָילן טוען מיִען
מען זאָל פֿאַרגעסן און פֿאַרדעקן,
און אויך דערפֿאַר די שטשורעס ריִען
און נאָרעווען אין ביבליאָטעקן.

און צוליב דעם די ביכער ווינקען
און רופֿן מיך ווי אַ געטרײַען —
איך היט זיי אָפּ און לאָז נישט זינקען
אין אַ פֿאַרגעסעניש א ו ת ק י ן.

באַבעף

צו הויכע פּאַליצעס איך קלעטער —
כ׳זאָל דיך, באַבעף, אויף ס׳ניי געפינען.
דו ביסט טויט, נאָר דו רעדסט פון בלעטער,
ס׳איז דאָרט פאַראַן דײַן האַרץ און זינען.

דײַן קאָפּ — אין ציין פון קעניגס דינער
און נישט געווען פאַר דיר קיין רעטער,
נאָר קיינער קאָן נישט מאַכן מינער
דײַן נשמה־קרוין אויף אָט די בלעטער.

קאַמיל, דײַן זון, האָט ווען צעשמעטערט
דעם תּלינס שאַרבן אין נקמה —
און ס׳זינגט דאָס אַלץ פון אָט די בלעטער
צו לויב דײַן נישט געטויטן נאָמען.

באַבעף, באַבעף, אַ מאָל ווען שפּעטער
וועט נאָך דײַן האַרץ אַ וועלט באַשטראָמען.
באַבעף, באַבעף, פון אָט די בלעטער
הער איך הימנען צו דײַן נשמה.

אַ דאַנק, הוגאָ

אַ דאַנק, הוגאָ, פֿאַר די מיראַזשן,
להכעיס קמצן און זייַן רענטע.
אַ לויב די פּרינצן ביַי דרענאַזשן,
מלאכים צאַרטע און פֿאַרברענטע.

פֿון דיַינע פֿיַיערווערק איצט שפּרינגען
פֿונקען, פֿלאַמען, מוט־עקזאַלטן,
און בלאָע שמידער שמידן רינגען
פֿאַר נייַער צייַט וואָס פֿרווּסט געשטאַלטן.

מיט צויבערן פֿון וויַיטע ערטער,
מיט תּהומות פֿון אונטער זוילן —
האָסטו באַפֿרייַט די אַלטע ווערטער
פֿון שטעקשיך ווייכע, נאָר צו ווילן.

אויך די רויבער זשאַן־וואַל־זשאַנער
האָסטו באַפֿרייַט פֿון אַלע פֿענטן,
צו דערשרעקן די בערזעיאַנער
און צו צעטומלען די רעיענטן.

צו זיי, סערווירער פֿון פּאַלאַצן,
שיקסטו מיט שרעק דיַינע דעמאָנען.
שיקסט אַהין אויך די פּאַיאַצן
צו לֶצעווען פֿון די בורבאָנען.

אויף זיי מיטן גליטשיק וואָרט דעם גלאַטן,
וואָס גאָט און לייַט גלייַך פֿאַרהאַנדלט —
וויַיזן מאַלפּיש די אַקראָבאַטן:
קום, מענטש, און זע ווי ביסט פֿאַרוואַנדלט...

אַ דאַנק, הוגאָ, דײַן אַלטע מאָדע
מיט גזלנים די האַרציק צאַרטע.
אַ דאַנק צו דיר פאַר קוואַזימאָדאָ
וואָס פאַרשעמט אַזש באָנאַפּאַרטן.

פון יעדן שטויבל הייבסטו בערגער,
ס'איז יעדעם ריטל גרעסטער וואַלד דיר.
און אין אַ וועלט, אַלץ מיאוסער, ערגער —
בלײַבט אייביק שיין דײַן אַסמעראַלדאַ.

בײַם שרײַבטיש

אַ נאַכט קומט אָן מיטווילדעניש און וואַלד,
ס'קלימפּערט אויף די פּלעצער און אַלייען.
אַ טיגער ווײַזט אין פענצטער זײַן געשטאַלט,
אָפן שטייען די מענעזשאַרעען.

איך פּרוּוו זײַן שטיל, מיט קילן קאָפּ באַדענקט,
כ'זוך אַ טראָפּן טוי פאַר מײַנע שלייפן —
גיט אַ סקריפּ די טיר, אין מײַן ברוסט ווערט ענג,
און גלעקער וויגן — אין מיר די שׂריפה.

אויף מײַן טיש אַ ווינט, ער צעפּליקט אַ בוך
און ס'פאַלט פון מײַן האַנט אַרוים די פּעדער.
אין דרויסן הער איך ווי אַ האָגל־פליוך
דעם שווינג פון שטאָטס ציינערדיקע רעדער.

אויף רעפּובליק, באַסטיל און אויף קאָנקאָרד
דער טיגער דער, וואָס ציט זיך מיט געניוך
פון איבער געזימסן און באַלקאָנען דאָרט
צו מײַן טיש, ווו בשורות שרײַב איך אין אַ בוך.

זײַן לאַפּע שטרעקט ער און כ'הער ווי ער שרײַט
צום טיש, צו מיר, צו פעדער און צו בלאַט:
וואָס זאָגסטו צו? עס קומט די גוטע צײַט,
אַז פון פלייש און בלוט איז דער מענטש שוין זאַט?

קום, קום צו מיר, צו מײַן פאַרקלעמטן שטײַג
און זע דעם יונג דאָרט מיטן לאַנגן קנוט,
און ווידער זאָג, אַז דער בן־אָדם שטײַגט
און קיל ווי טוי זײַן אויסגעאיידלט בלוט.

טוליע איך זיך מיט אַנגסטן צו מײַן טיש
און כ׳פּרוּוו ראַטעווען די מענטשנס נאָמען:
נאָך אַ מאָל דאָס בוך, נאָך אַ בלעטל מיש,
אפשר ווײַטער דאָרט אחרית הימים?..

און כ׳וויל שוין שאַלן בשׂורהדיק, אַז וואָר
און באַלד און גאָר — יהי אור, בראשית...
פּאַלט אויף מײַן קאָפּ אַ קודלע ווילדע האָר
און איך פּיל דעם צאָן וואָס אין מײַן פלייש איז.

שטיי איך אויף, אַ ליכט זוך איך אויף שויבן,
מײַן שאָטן און מײַן אַנגסט צו פאַריאָגן.
נאָר בײַם לאָדן הענגען טויטע טויבן
און זיי לאָזן נישט דעם טאָג צו טאָגן.

בלויז אַ דינער שטראַל, נישט מיך געפינט ער,
ער גלאַנצט אויף שפּיז און פאַרבלינדט מײַן אויג.
בײַם שרײַבטיש טונקלט, אין האַרץ איז ווינטער
און אויף אַלע גאַסן דער הענקער פויקט.

המונים

זיי האָבן אים אַרומגערינגלט:
דײַן וואָרט זאָג הויך, מיר ווילן הערן!
און צווישן זיי אַ בלאַסינק יינגל
מיט גרויסע אויגן, בלאָע טרערן.

המון — צערוישט, אַ שטאָלצער הימען.
דאָס יינגל — יתום און באַלאַדן.
פון לאַץ אַראָפּ — אַ שוואַרצער סימן
נאָך פאָטערס טויט אויף באַריקאַדן.

און ווען געשפּאַרט האָבן המונים,
צו דער אַרענע זיך געהויבן,
האָט ער פון דאַך אַראָפּ בײַים קוימען,
דאָס יינגל צווישן רויך און טויבן —

זײַן טרער צעגלאַנצט דורך אַקסלען טויזנט
און אויסגערופן כליפּיק האָט ער,
מיט ליפּן ווי צוויי פײַעררויזן:
כ'האָב אים ליב, מײַן נײַעם פאָטער!..

ביז ס'האָט קאַבע געוויינט אַנטקעגן,
פון יינגלס טרער אַדורכגענומען,
זיך שטיל צעוויינט, ווי אַ גוטער רעגן
וואָס טריפט אַרײַן אין טיפן ברונעם.

אַ וואָרט פאַרקלעמט האָט אויפגעציטערט
און דורכגעגאַנגען דורך המונים:
— אַיעדנס ווײַן איז איצטער ביטער
און אַלע זענען מיר יתומים.

די ערד איז אָפן, פול וואַמפּירן,
און ס'וועט נישט מײַדן קיינעם, קיינעם.
נישט צו פאַרשטעלן מיט קיין טירן
און נישט צו טרייסטן מיט קיין וויינען.

אויך נישט דער צאָרן קאָן דאָ העלפן,
נאָר בונד פון ליבשאַפט, מײַנע ברידער.
ס'גרינגסטע איז ווי אַ וואָלף צו וועלפן,
נאָר די נקמה — טויט ברענגט ווידער.

קיין אויסלייז נישט ווו בלוטן רינען,
ווו מעסערם פאָכן מיט אַ מורא.
די ליבשאַפט וואַרט בײַם זוים פון שינאה,
אַז איר זאָלט זי אויף ס'נײַ געבוירן.

איך רוף אײַך צו דעם סאַמע שווערסטן,
דעם בונד פון ליידן אויפצושטעלן,
און אים, דעם יינגל דעם פאַרטרערטסטן
אויף העכסטן טראָן אַוועקצושטעלן...

אַ שטילקייט האָט אַראָפּגענידערט
בײַם רחמים־אויפבּרויז פון די ווערטער,
וואָס האָבן זיך גאָר שטיל צעווידערט
בײַם יינגלס אויגן די פאַרטרערטע:

— מיר אַלע זענען דאָ יתומים
אויף דעם צווינטער, בײַם גרויסן צלם.
לוויות ציִען, בלוטן שוימען
און זאָגט, פאַר וואָס די שינאהס טיילן?..

דאָס יִנגעלע פון רויך דעם שוואַרצן
דורך טשאַטשעס טויבן האָט געוואַקלט,
זיך צוגעפרעסט צום גוטן האַרצן
ווי צו אַ טרײַען פאָטער טאַקע.

און צווישן זיי האָט זיך געלויטערט
דאָס וואָרט וואָס וויל צו אַלע גרייכן...
נאָר אין המון האָט עפּעס קויטיקס
געשענדט דאָס וואָרט פון האַרץ און שׂכל.

ס'איז איינע דאָרט אַרויסגעשפּרונגען
מיט רויטע האָר — אַ פלעכט פון שלאַנגען,
און שעלטנדיק און פרעך צעזונגען
צו דער אַרענע צוגעגאַנגען:

— דו־דו, דו־דו מיט שיינער מוזע,
מפונק דו מיט צאַרטע גוסטן!..
זי האָט אַ ריס געטאָן איר בלוזע
און אַנטפּלעקט די פּוכלע ברוסטן:

דו־דו, דו פאַלשער אַמוזירער,
פון ליבשאַפט רעדסטו דאָ אומיסטן.
צי פעלט דען אין פּאַריז פאַרפירער?
אויף אַלע פלעצער ראָיען מיסטן!

און ס'האָט געדאַכט, די סען פלייצט קויטן
פון אירע דורכגעווייִנטע שטראָמען
אויף יעדנס לײַב, אויף אַלע הויטן
און שפּײַט אין יעדערנס נשמה.

ביז ס׳האָט אַ זקן מיט געכאָרכל
זיך שטאָלץ אַ שטעל געטאָן אַנטקעגן.
אַזוי שטעלן זיך אין פעלד די שטאָרכן
צווישן פרילינג און ברודנעם רעגן:

אַז ווער ביסטו דו, דו־דו פגירה!
מיט דײַן ווונדיק לײַב קומסטו באַקרעצן.
האָט שוין דײַן שאַנדהויז נישט קיין טירן
און קומסטו דאַ שעלטן, קומסט דאַ העצן?!

ס׳איז דײַנע מיסטן אויף די פלעצער,
דו ביסט דאָס שפּײַעכץ פון שיכּורים,
און גיי דיר דאָרט צו דײַנע העצער
און טאַנץ דיר דאָרט מיט דײַנע הורן!..

און דעמאָלט ווער אין די געדראַנגען —
אַ האַנט אָן פינגער האָט געהויבן,
דורכן המון אַדורכגעגאַנגען
מיט נײַעם קרייץ פון נײַעם גלויבן.

דאָס האָט ער, מאַרסעל דער מײַסטער,
זײַן קוזשניע־וואָרט מיט פלאָם געצונדן.
ער האָט געשטאַמלט און באַגײַסטערט
מיט דעם אמת פון זײַנע וווּנדן:

— אָט זעט מײַן האַנט, די האַנט אָן פינגער, —
ער האָט גערעדט מיט הייסע דאַמפן,
מיט פונקען און מיט רויטע צינגער
פון בלוטן זײַנע אין די קאַמפן:

איר קענט מיך אַלע, אַלע ווייסן,
עס קען מיך יעדער יִנגל ליאַדע —
אָט די האַנט, ס׳איז מײַן בלוט דאָס הייסע
אויף גאַסן, אויף דער באַריקאַדע.

און זאָל זײַן מײַן עדות אָט די האַנט! —
געהויבן האָט ער זי צו שווערן,
אַז ער, קאַבע, איז אין אונדזער לאַנד
דאָס ריינסטע אויג פֿאַר יעדנס טרערן.

און ס׳איז זײַן האַנט אַראָפּגעפֿאַלן
אַ מידע נאָך דער עדות־שבועה.
נאָר דעמאָלט — דער המון אַ כוואַליע
ווי בליציק ברענענדיקע תּבֿואה:

העי, גיי אויף, קאַבע, און זאָג אונדז מער,
מיר האָבן דיך ווי זיך פֿאַרשטאַנען.
און ס׳האָט זײַן וואָרט, ציטערדיק און שווער,
לייד און בשׂורה געקניפּט צוזאַמען:

האָפּט, שוועסטער, ברידער, מען וועט, מען וועט
נאָך עפּעס גוטס ווען באַנײַען...
פֿון „איקאַריע" האָט קאַבע גערעדט,
ווי נביא פֿון ירושלים.

אַקעגן אים דאָס יתום־יִנגל,
דער שמיד, דאָס מיידל און דער זקן.
און אַלץ האָט זיך פֿאַרקרײַזט, פֿאַררינגלט
מיט צעפּ און בערד אין פֿײַער־לאָקן.

— ווער קלאָגט אויף בלוט? ווער וויינט אויף ליבע?
אַ מאָרגן וואַרט מיט קוש און היילונג...
און קעפּ אויף קעפּ אין קעלערשטיבער,
ווי טינקען פאַלן און זיך שיילן —

געעפנט האָבן ברייט די אויגן
דאָס וואָרט פון ליכט נישט דורכצולאָזן.
די זון האָט דאַן געצילט איר בויגן,
דער פראָסט אויף סען האָט דאַן געלאָזן.

און טיף, פון אַלע מוטנע האַסן
געאָטעמט האָט דער מערץ אַליין יינגער.
אַריבער מענגען אויף די גאַסן
האָט זון געשטראַלט מיט נייַע פינגער...



צום גאָון פון געזעצן

איר לאַכט פון מיר, מסיע,
און איר ציט מיך פאַר דער פעלערינע,
אַז מײַנע ווערטער פאַרן שופט
צו נאַיִווע און צו דינע;
אַז יורי מיינט נישט פונקט וואָס גוט איז.
דער עיקר — זאָגט איר:
גוט פאַרקאָכן און פאַררייישן,
אַז לערנען דאַרף מען בײַ ציצעראָ און ברוטוס
און נישט בײַ ישון...

רעכט, מסיע, ס'האָט אַ זין.
נאָר איך — ווי איך בין!
קיין רעיענט וועל איך נישט זײַן
צו האַנדלען מיט ירושהס.
איר ווייסט אַליין,
ווי אַ זונה גאָר געמיין
זאָגט צו אַ טויטן מאַן: דו מײַן —
און אַלץ אַ שווינדל און אַ פוש איז...
איר קענט אָט די באַריערע
ווו גאָלד און שווינדל פון בײדע זײַטן ווינקען.
נישט דאָס איז מײַן קאַריערע —
צו גיין אַרויף, אַרויף און זינקען.

נישט דערצו האָב איך זיך פון מײַן היים געטריבן
וואָס איך בין — בין איך פאַרבליבן.
אַ זון בין איך פון האַרעוואַניע,
ווו רייינע הערצער קלאַפּן.
ס'איז מײַן אמת און מײַן מאַניע
און נאָר פאַר זיי די פּאַראַגראַפן.

איך ווייס, איר טראַכט,
אַז שלעכטס — גערעכטס
איז לינקס און רעכטס
און בעסער אין דער מיטן...
איך ווייס דאָס אַלעס,
נאָר איך, דער זון פון דלות,
גאָר אַנדערש בין געביטן.

דאָס וואָרענען איז אײַער רעכט:
— אַז דער וואָס וועט באַדינען קנעכט
וועט גאָלד צו זײַנע טישן שוין נישט קומען.
זאָל זײַן וואָס זײַן,
— דאָס איז מײַן ברויט און ווײַן
כ׳האָב פון מײַן טאַטן עס גענומען.

בריוו פון דער בריק

אויף דער בריק אָנגעשפּאַרט שרײַב איך צו דיר,
בײַ דעם וועג צווישן משפּט און תּליה.
אונטן דער טײַך שווענקט דאָס בלוט אויפן זשוויר
און די וואָלקנס די שווערע זיך ציִען.

און אַלץ אַרום איז אַן עדות, זעט צו,
אַז אין מיר זענען וואָלקנס נאָך גרעסער.
דאָ אויף דער בריק איז צעשלײַדערט מײַן רו,
ווי צעשניטן פון אונטער אַ מעסער.

כ׳האַלט אויף מײַן אָרעם דאָס בוך פון געזעץ —
דער שלייער אויף בלוט, דער ליגן און קלעם.
געשריבן האָט אים אַזאַ איינער אַ לץ,
דער שׂטן אַליין מיט אַ מלאכס פּען.

איבל די אַלע געזעצן פון לאַנד.
ווי שווער מיר די טאָגע פון אַדוואָקאַט.
כ׳וויל וואַרפן אין טײַך מײַן כּבֿוד־געוואַנט
צווישן די קויטן פון גרויסן פּאַראַט.

הײַנט האָב איך פאַרטיידיקט אַ קאַרבאָנאַר
און מײַן האַרץ — פול מיט טרערן און לאַווע,
נאָר דער ריכטער האָט אַלץ געמאַכט צו נאַר
מיט אַ כיטרע געמיינע פּאָטראַווע.

און ווידער אַ מאָל דער הענקער שוין וואַרט
און די גוואַרדייער מאַכן אַ וואַרע...
אַ יִינגל לויפט דאָרט אין ווונדן פאַרקוואַרט,
ס׳יאָגט אים אַ בליץ דורך בלוטיקער כמאַרע.

שוין בעסער אַז איך צו משפּט זאָל שטיין
ווי איינער פון זיי מיט פלוך אויף דער ליפּ.
ניין, כ׳וועל נישט בעטן קיין גנאָד מיט געוויין,
ווי כ׳בעט פאַר אַלע: זײַ מוחל, פאַרגיב...

דאָס שרײַב איך אויף דער בריק אָנגעשפּאַרט,
אַקעגן דער תּפיסה, בײַם הענקער־אַלטאַר.
די וואָלקנס ציִען, דער רעגן נאָך וואַרט,
נאָר ס׳טריפט די נשמה פון קאַרבאָנאַר.

*

דאָ־דאָ, אינעם געברוויז פון שׂינאה
דײַן ליבשאַפט דאַרף איך, מײַן געטרײַע.
די בליצן לויפן, טרערן רינען
און אַלע גאַסן איין לוויה.
און אויב און אויב ס׳וועט אויך מיר געשען —
דיך מיט ווײַסע מיגעם וויל איך זען.

אין חשכות בײַ דער האַרטער גראַטע —
זאָלסט דו ווי אַ פויגל זיך באַווײַזן.
דײַן גוטער בליק מיט צאַרטן פלאַטער
וועט ווייכער מאַכן אויך דאָס אײַזן.
און אפשר דו וועסט עפענען די טיר
און איך וועל אויפשטיין און גיין מיט דיר.

קום, דורך אַלע פלויטן צו מיר קום
דאָ, בײַ די בלוטיקע אַלטאַרן.
שפּאַר זיך אַדורך ווי אַ פינגער זון
און מיך באַריר און מיך דערוואַרעם.
אין מעסערס גלאַנץ פאַנג אַוועק מײַן בליק
און טראָג מײַן טרער קיין דיזשאָן צוריק...

*

און אפשר גאָר, פון טרערן בײַנאַנד
וועט שײַנען — אַ וווּנדער צו ווערן,
און פון אַלטאַר, בײַ דעם לעצטן ראַנד
וועסטו אויך אַ בשׂורה דערהערן.
און ווען מײַן אויג וועט טרעפן דײַן בליק
מיט טרערן די ריינע און טרײַע —
וועט אָפּשפּרינגען די האַק פון גניק
און וועסט מיך פון הענקער באַפרײַען
און איך ווי אַ געבונדענער הונט
מיט היצלישן שטריק וועל אַנטלויפן,
מיט דעם שניט פון מײַן אָפענער וווּנד
באַטריפן די שוועלן און הויפן
אין אַ שעה ווען די טירן שוין צו
און יעדער מיט פלוך וועט מיך טרײַבן.
נאָר איך אין מײַן לויף, ביז כ׳טרעף דיך ווו —
וועל מיט בלוט דײַנע רומען שרײַבן.
ס׳זאָל דײַן נאָמען, אַזוי אומבאַקאַנט,
ווי אַ פּאַראָל אַלעמען ווערן
און איך וועל גיין פון לאַנד צו לאַנד
מיט דײַנס אַ טרער — דעם אויסלייז-שטערן.

צו לואי בערטראַן

מיט מיר, בערטראַן, דער קלאַנג פון דײַנע לידער.
בײַ דער טעמזע דאָ — מיך, דײַן פרײַנד, זיי נערן.
אין זייער גוטן מורמל בין איך ווידער
נעבן ברונעם אונטער דיזשאָנער שטערן.

ס׳האָבן די הינט פאַר מיר פאַריז פאַרשלאָסן
און איך, פאַרטריבן דאָ, ווי אַ בעטלער שפּאַן.
אין לידער דײַנע שײַנט מײַן טרער פאַרגאָסן —
טאָ נעם צו אַ דאַנק פון מיר דעם אָרעמאַן.

כ׳האָב איצט גאָרנישט מער ווי אָט די הענט די צוויי
וואָס האָבן גזר פון קייטן אויסגעמיטן.
נאָר אויך אָן זיי טוט מײַן יעדן פינגער וויי,
אַליין בין איך, צעריסן און צעשניטן.

ביז ווען און ווו וועל איך אַזוי אָן היים זײַן —
אַ וואַנדעריונג מיט בליצן אינעם בוזעם?
כ׳פרעג בײַ דיר, כאָטש כ׳ווייס ווי דו ביסט איינזאַם
און וויפל בלוט צאָלט האָנאָראַר דײַן מוזע.

איך געדענק דיך נאָך אין קוזשניע פון דײַן ליד,
ווי אָטעמסטו היים בײַ יעדן וואָרט באַזונדער.
אַ פּאָעט — זאָגסטו — דאָס מיינט צו זײַן אַ שמיד
וואָס פונעם אײַזן מאַכט ער גאָלד און וווּנדער.

אַ וואָרט — מיינסטו — דאָס איז נישט גלאַנץ פון צירונג
צו באָמבלען אויף העלדזער פון קורטיזאַנעס.
אַ וואָרט איז פײַער, פלאַם אַזש ביז פאַרפרירן
און שטאָלץ און ריין — מיט קיינעם נישט מזנה.

כ׳געדענק נאָך אויפן בערגל די שפּאַצירן
צום גרינעם באַרג־אַראָפּ ווו וועשינס לאַכן.
דו לייענסט פאַר מיר דײַן שיר־השירים —
ווערטער, פּסוקים, אַ שנירל אײדלזאַכן.

ס׳איז צאַרטער גאָלד מיט דינע רויט־שאַטירן
פון דער זומערזון אויף דיזשאָנער גאַסן —
און דערבײַ מיר ביידע שמועסן פירן
מיט לידערווײַן און אויך מיט סתם־רייד־קוואַסן...

און וויגסט דיין קאָפּ און ווײַזסט אָן מיטן פינגער
אויף כּתב פון אָוונטפּלאַם בײַ האָריזאָנטן,
אַז איין באַשערטקייט דעם בונטאַר און זינגער
אין קריג פון האַרץ און אויף די גאַסנפראָנטן.

די נאַכט — אַ קאַרטנלייגערין, ווי פּעך,
האָט אונדז דאַן אָנגעזאָגט אַ שוואַרץ־נבואה...
און ביז איצט, מײַן פרײַנד, טראָג איך אַ קלייד אָן שטער,
און ווו איך זאָל נישט קומען וועל איך נישט רוען.

דאָס איז מײַן שטערן, מײַן גורל טאָג און נאַכט,
נאָר גוט וואָס דײַנע לידער מיט מיר גייען.
כ׳זע יענעם אָוונטפּלאַם אויף איעדן בלאַט
און אונדזער גורל גראַמט זיך דאָרט אין צווייען.

די טעמזע פרירט, נאָר דו אין מײַנע טיפן —
דו צעשפּאַלסט דעם אײַז און רוימסט אָפּ די שנייען,
און אַזש ביז דיזשאָן לאָז איך שווימען מײַנע שיפן
מיט אַ זעגל צעריסענעם פון ווייען.

באַלד, באַלד, מײַן פֿרײַנד, וועט זײַן די נאַכט פֿון ניטל,
און אפֿשר אין געהיים צו דיר כ׳וועל קומען.
כ׳וועל זיך פֿרייען מיט דײַן „מאַטראָסן-היטל״
דאָרט אויפֿן בערגל בײַם דיזשאָנער ברונעם.

פֿון מײַנע וועגן וועל איך דיר דערציילן
און איך וויל, בערטראַן, אַז דו זאָלסט הערן.
מײַן ניטל-נאַכט איז לאַנג, ס׳איז שווער מײַן צלם
און אין מײַן פֿענצטער צינדט זיך נישט קיין שטערן.

ווי טיף די נאַכט! אַזוי האַרט די טעמזע פֿרירט,
נאָר דײַנע לידער — מײַ, אַ גוטער רעגן.
מיט דײַן ליד בעט איך: קום אַן אַקעגן מיר,
פֿון די דיזשאָנער וועגן קום אַקעגן...

מיט אַ בוך אין רענצל

און ווידער אין פּאַריז ווו ס׳ברומט די חיה.
די זעלבע שטוב, דאָך אויך דאָ ווייט פאַרטריבן.
חברים מײַנע — טויט. נישטאָ קיין נײַע...
און אין מײַן רענצל ליגט אַ בוך געשריבן.

ס׳איז אויך האַלב טויט נאָך איידער ס׳איז געבוירן,
ס׳וועט קיינער עס נישט שעלטן און נישט בענטשן.
וואָס זאָג איך דאָרט? אַז דורות נײַע דורן
אַן אַנדערן און גאָר אַ נײַעם מענטשן.

ראָבערט אָוען האָט דאָרט אין רויך בײַ לאָנדאָן
זײַן גאָב מיר מיטגעגעבן, גלײַך ס׳פּאַסט דאָ.
דו, פּאַריז בלוט-זינדיק, ווער דען קאָן דאָ
פון די גוטסן טראַכטן ווען אַלצדינג האָסט דאָ?

פּאַפּירן-פּלענער, לידערשע געדאַנקען,
פּאַראַגראַפן מיט אַן אַקצענט פון דרשות...
וואָס ברענגסטו אונדז אַזעלכענע געשאַנקען?
מיר דאַרפן ברויט און גיב אונדז אַ ממשות!

איך וויים די טענות און מען וועט מיך שימפן,
אויך רײַסן בײַ די לאַצן מיט אַ חוזק:
פון פּראָסטע נפשות מאַכסטו גאָר נימפן,
אַלץ איז דאָרנדיק און דו זעסט עס רויזיק.

אין לאַנגע נעכט, אין קעלטן ביז צו פרירן
האָב איך עס דאָרט געשריבן בײַ דער טעמזע
וועגן מענטש — אַ פרילינג, מײַן שיר-השירים,
און איצטער — נעם די בלעטער און פאַרברען זיי.

צי האָב איך דען נישט זיך אַליין געפרעגט עס,
מײַן בוך געמעקט אַ קאָפּיע נאָך אַ קאָפּיע. —
און דאָך און דאָך — מײַן חלום אַלץ באַוועגט עס,
דו, מײַן שטערן, א י ק אַ ר י ע — די אוטאָפּיע.

און זאָלן גאַסן לאַכן, שפּעטן ניכטער,
מײַן איינזאַמקייט האָט מוט אויף לאַנג צו סטײַען.
און איך וועל נאָך צעשײַנען גרינע ליכטער
פון דיר, איקאַריע, ערדם מלכות השמים.

אוטאָפּיע

אין מיט פון שטעט שטעל איך דיך אַוועק
מיט קלייד פון גראָז פאַר ווינטן אָפּן.
די קרעמערס לאַכן פון דײַן באַדעק,
זיי מעסטן זײַד, די שענסטע שטאָפן.

זיי לאַכן פון מײַן צוזאָג, פרעגן: ווען?
ביים היטן פעסט די פולע קראָמען.
און אַ גלחל מיך שטראָפט מיט ברען:
וואָס־וואָס, עטיען, דו שפּעטסט פון צלמים!

וואָס מיינסטו וואָס — מלכות שמים,
ס'איז עפּעס וואָס פון קליינע זאַכן?
מיט טינט ווילסטו דעם מענטש באַנײַען
און מיט דײַן פעדער עס צו מאַכן?

און דער זונה־פּאַסטעך לאַכט נאָך מער:
וואָס גראָז־און־גרין? ס'איז שענער נאַקעט.
און קיינער זעט נישט די תּמע טרער
וואָס נאָר אין אויג פון קינדער פלאַקערט.

ס'איז זי, אוטאָפּיע — ערשטער שטאַמל
ווען חכמה אין דער שאָלעכץ שלומערט,
און נישט געלערנט זאָגט מען: מאַמע,
פריש און ריין ווי אַ רעגן זומער.

צי ווייסט מען דען וואָס מער פאַרשטאַנדיק
פון קינדערישן תּמען פּלאַפּל?
וואָס פירט צו בערג מיט זון באַראַנדיקט
מער פונעם וויגלם ערשטן שטאַפּל?

חכמים לאַכן: סאַראַ רייד דיר —
וואָס זאָגסטו: קינד? ס'איז קראַנקער דמיון.
וואָס מיינט געדאַנק אָן פּעסטע קליידער,
אָן וואָג, אָן מאָס, אָן פאַרב און ליניען?

אָ, ווויל אײַך, שטאָלצע אינזשענירן,
מיט אײַער שליסל און סך־הכל.
איך — קלאַפּ איצט אָן אויף בלינדע טירן
און די אוטאָפּיע איז מײַן פאַקל.

כ'שטעל אים אַוועק אויף בערג די הויכע
בײַם תחום פון שטעט און לאַנגע וועגן.
ער איז העכער פון אַלע רויכן
און אַלע רעדער וואָס באַוועגן.

ס'איז דער פלאַם אין יִינגלס אויגן,
דאָס ליכט פון האַרץ, דער שײַן פון וועלטן,
דער צויבערוווּנק פון נישט־געשטויגן
און אַלץ וואָס פינקלט אַזוי זעלטן.

אַלץ וואָס געוואָלט און נישט געוואָרן
פלעמלט ווידער אין אָט דעם פײַער.
חלום דו פון די עלטסטע יאָרן —
אוטאָפּיע דו פון וועלט אַ נײַער.

נאָר דו אַליין ביסט ריין געבּעזן,
אין העלסטן מאָרגנשײַן געצונדן.
נאָר דו אַליין — נאָך נישט געוועזן,
נאָר דו אַליין — נאָך נישט פאַרשווּנדן.

דו ביסט יהי, אַט דער קלאַנג פון לאַנג
וואָס זוכט אַ ליכט נאָך טיף פאַרבאָרגן.
דו ביסט דער חלום און דער געדאַנק
און גרייט פאַר דיר אַ דאַנק פון מאָרגן.

אַ טאָג שוין וואַרט מיט אַ נײַ געבאָט,
וויל קינדיש תּם מיט דיר זיך שפּילן.
ס'האָט דיך ווען באַגעגנט דאָן קיכאָט
בײַם פליגלשוועב פון בלאָע מילן.

און גוט אַזוי וואָס ווינטן ווייען
און וואָגלער איבער בערגער שפּרייזן.
אין־סוף דו מיט בלאָלעכע שאָסייען —
דו היטסט דאָס גאָלד אין דור פון אײַזן...

דײַן הללויה — קינדער־כאָרן,
נישטאָ נאָך איצט פאַר זיי קיין אויער.
נאָר ערגעץ ווו שוין שאַלט אַ האָרן —
און איך וועל עפענען דעם טויער!

ווײַל דו אַליין ביסט ריין געגעזן,
אין העלסטן מאָרגנשײַן געצונדן.
נאָר דו אַליין — נאָך נישט געוועזן,
נאָר דו אַליין — נאָך נישט פאַרשוווּנדן.



צו די יונגע מאַרקס און ענגעלס

שוין אַלע אָרגלען שטומען
אין שרײַ פון גזלעוואָיע.
די קאַפּוצינער ברומען,
זיי מיינען זשלאָק און פּאָיע.

אויך שטום שוין די קאַפּעליעס
אין שענקען בײַ אַזאַרטן.
נאָר פאָלק נאָך קוקט צו סטעליעס —
אויף נײַע לידער וואַרט מען.

און מיר — מיר ווילן אַלע
נאָך אַלטער וועלטס לוויה
אין נײַער קאַטעדראַלע
אַ הללויה נײַעם.

טאָ וואָס זשע פּילט מײַן פידל,
וואָס סטרונעוועט צעריסן,
פון אײַער בליק דעם זידל,
דעם שפּאָט פון אײַער וויסן?..

איר ביידע — פּעסטע באַסן,
און איך — אַ קלאַנג אַ דינער.
איר גייט מיט ברייטע גאַסן,
מײַן שטעגל — זיכער מינער.

איך וויים די מאָס פון שטעגל.
מײַן כּבוד צו די שליאַכן.
איך — זוך די חלום-פייגל
און איר — דעם גרונט פון זאַכן.

נאָר וואָס די אונטערשיידן
ווען אַלץ וויל אונדז פאַרשטיינען?
איין ברויט און ליד פון ליידן.
איין תּפיסה וועט אונדז איינען.

איין הענקער וויל אונדז הענגען.
איין בשׂורה וועט אונדז רעטן.
מייַן גרוס אייַך, מאַרקס און ענגעלס,
יונג-שטאָלענע פּראָפעטן!

מיטן שטראָם פון געדאַנק

ס'איז דער סוד אין פלוס פון טײַכן,
ווי שטראָמען בײַטן זיך אין גאַנג.
צו די שטראָמען זאָל זיך גלײַכן
דער גאַנג און בײַט פונעם געדאַנק.

אַט ברענגט רוסאָ פֿאַנס פֿאַרמעגן
מיט קוש און ליוב צום קליינעם גראָז.
האַרץ פון מענטש וויל ער באַוועגן
מיט פּשטות פון אַ ווינטלם בלאָז.

און אַט קומט מאַרקס — גלי פון אײַזן,
די שטאַרקע היץ פון קראַטערס דנאָ.
תּוך פון יאָך וויל ער באַווײַזן
און ווי די סתירות ווערן יאָ...

צו איין טײַך די אַלע שטראָמען.
פון זעלבן קוואַל דער טיפער מוט.
ס'פרעגט נישט דאָס פֿאָלק אויף זײַן נאָמען,
נאָר טרינקט פון אים וואָס קיל און גוט.

ס'זאַפּט אים אײַן אין די צערן
מיט טיפן דאַנק און ווערטער קאַרג,
אין דעם אימפּעט פון בולוואַרן
און אויך אין ניבול־פּה פון מאַרק.

ביז ער שטראָמט אין האַרצבלוט ראַפּטעם
אויך נישט געדענקט און נישט דערקענט,
און אין דופק האַסטיק קלאַפּט ער
און שטאַרקט די מוסקלען פון די הענט.

און ווער ס'האָט דעם סוד באַנומען —
דער וויל, אַז וואָרט אַ שטראָם זאָל זײַן
און צו דער גאַס זאָל עס קומען
מיט ליבע און מיט שטאַרקן ווײַן.

ס'זאָל זאָגן: דו, נאָענט, וואַרעם,
ווי הינטער הויט דאָס בלוט צו ביין,
און יעדנס ווי זאָל דיך אַרן
און יעדנס טרער — אויך דײַן געוויין.

נאָר נישט קאַלט ווי אַרכיוויאַרן
ביים שווערן באַנד מיט גאָלד געליישט.
פילן גאָט־ווי אין די צערן
וואָס ברויזן טיף אין מענטשנפלייש.

ווײַל אויך אין דעם — סוד פון טײַכן,
ווי שטראָמען רײַסן זיך צום ברעג,
מיטצונעמען, זיך באַרײַכן
מיט רויען שליים אויף זייער וועג.

פון דעם מאָגער זאַמד זיי בעטן
פאַר זיך אַ זעמדל און אַ שטרוי,
מיטצונעמען, אײַנצוקנעטן
פראָסטן חומר אין צאַרטן בלוי...

אַזוי אויך — גײַסט אויף יאַרידן,
ס'איז הימלשוועב אויף קאַרוסעל.
שייד נישט אָפּ, ווײַל שטראָמען זידן
פון די גרונטן צו יעדנס שוועל...

אַזוי האָט קאָבע זיך געלערנט —
צו לערנען אַנדערע מיט פלאָם,
ווי אַ הימל זיך באַשטערנט
אַרייַנצושטערענען אין ים.

און דאָרט ווו די קויטן שווימען
אין שטראָם פון סען מיט ליכט צעווינקט,
האָט זייַן נאָמען, ווי אַ הימען,
די הערצער אויפגעעפנט: זינג!

די גאָם פון פייַן האָט איר אָטעם
דערפילט אין גלי־שטראָם פון זייַן רוף —
פון זייַן חלום די געבאָטן:
האָב כּבוד צו דעם מענטשנס גוף!

ביז איעדנס אָדער־פּאָדעם
האָט זיך געטרייַ פאַרקניפּט מיט אים.
ווייַל ער האָט בצלם אדם
דערזען דעם בליק פון אלהים.

אונטער אַ פֿאָן אין ווינט

— ווײַל איך האָב געזען בײַ אָט די ווענט
דעם הויכן טורעם־פֿאַל אין בבֿל,
און ווי ס'געשעט, אַז אַ טעסטאַמענט
ווערט אָפּגעמעקט און ס'בלײַבט אַ טאָוול...

ווײַל איך האָב געזען בײַ סוף מיראַזש
די אַלע קראָטן וואָס פֿאַרראַטן,
ווי אַ פֿאָלק זיצט איובֿדיק אין אַש
און ס'שמייכלען קלוג די אַדוואָקאַטן —

אָט דערפֿאַר בין איך אַרויס אין שטרײַט
אַקעגן פֿירער — קאַמעראַדן:
כ'האָב אין צײַט דערזען די איבערצײַט —
אויף גאַס פֿון האַרץ די באַריקאַדן.

זיי האָבן נאָר געשאַצט שטאָל און גאָלד,
פֿאַר ווענען „מערווערט" וועט מער סטײַען;
וואָס רײַכער האָט, אָרעמאַן — געוואָלט,
דעם סוד פֿון אַלע פֿלינדערײַען.

מען האָט מיך גערופֿן: קום אַרײַן
און פֿאָרש מיט אונדז אין קאַבינעטן
דאָס געזעץ פֿון ברויט, יסוד פֿון זײַן
און די ראָל פֿון גאָלד אין געוועטן.

כ'האָב געמישט די בענדער — גראָב און שווער
מיט פּאַראַגראַפֿן און רובריקן,
נאָר געהערט האָב איך די הייסע טרער
וואָס שרײַט אין סען פֿון אונטער בריקן.

כ'האָב געזען דעם רויך פון ס"ט דעני,
אויך דאָס בלוט אין גאָלד אויפן קאָנקאָרד,
ווי אַ פאָלק שפּאַנט סטאַדיק יעדן פרי
מיט נאָך אַ טאָג צו דעם גרויסן מאָרד ———

ס'איז אַ שטום געדולד מיט שולד פון לאַנג
וואָס ציט און ציט פון בראשית אָן,
און מיר אַלע אין דעם וואַנזין־גאַנג,
אין בלוט וואָס טריפט אויך אויף אַט דער פאָן.

ווײַל מער פון רויכן אויף ס"ט דעני
געזען האָב איך דעם פלאַם אין קראַטער.
מיר אַלע שמעלצן אין אַט דעם גלי
און יעדנס רים אויף דער פאָן פלאַטערט.

אַט פאַר וואָס איך בין אַרויס אין קריג
אַקעגן פירער — קאַמעראַדן:
זיי — זיי האָבן צוגעזאָגט אַ זיג
שנעל ווי דער שאָס אויף באַריקאַדן.

און איך — איך פרעג: וואָס מיינט גיך־געשווינד?
וואָס העלפט פאַר טיפן רים איין פאָדעם?
פונעם בראשית און ביז אַצינד
ווײַנט נאַקעט רויט דאָס הארץ פון אָדם.

ס'איז אַ וווּנד מיט אַ שולד צוזאַמען,
ס'האָט מענטשם צאָן זיך אַליין געביסן.
און זאָל איעדער צו זיך טענהן,
שטראָפן דעם אייגענעם געוויסן.

איר זעט די פאַן אויף דער אַרענע —
ווער ס׳זעט אַ העמד, ווער ס׳זעט אַ חופּה...
איך זע ווי טויזנט צונגען ברענען
און ס׳שמעלצט נישט אַלץ מענטשס האַרטער קופּער.

און ווער זאָגט אונדז צו: געשווינד און גרינג,
מיט איין פּאַרמעסט ווי אין צירק־געפּעכטן?
ווי אין יענעם ליד וואָס שאַלט און זינגט:
ס׳וועט זײַן אין לעצטן, אין גערעכטן...

אַ פּאָר וואָס איך בין אַרויס אין שטרײַט —
צו ווײַזן אײַך ווזהין, פון וואַנען;
צו דערזען אין צײַט די איבערצײַט,
פון וועמען און פון וואָס מיר שטאַמען.

אינעם חיה־גאָרטן ברומט דער לייב
און אויף בולוואַרן — סאַנקילאָטן.
ווער עס גאַרט דעם פאַנג און ווער דעם רויב —
די שטאָט אין בלוט איז אויפגעזאָטן.

מײַן חלום — אַן אַנדער בלוט און ביין:
עס זאָל פון פלייש אַוועק דאָס מעסער.
אָ, הייבט אָן דעם קריג מיט זיך אַליין
ביז איר געפינט דעם קווינט פון בעסערם.

נישט אין די רויכן פון ס״ט דעני,
אויך נישט אין אוצר פון די באַנקען,
זוכט אין די טיגלען פון ריינסטן גלי,
בײַם קלאָרן פײַער פון געדאַנקען.

מער נישט טרויען און מער נישט דולדן
אין זיך אַליין דעם אַלטן מערדער.
זאָל יעדער צאָלן פֿאַר די שולדן
פֿון הבלס בלוטן אונטער ערד דער.

איר זעט די פֿאָן, איר רויט — זײַן וווּנד דאָרט.
איר הערט דעם ווינט — דאָס איז זײַן קלאָגן.
און ווער עס וויל באמת וווּנדער —
זאָל זיך פֿון בלוט נישט זען געצוואָגן.

צי דו, דו קאַרל, צי איך עטיען —
מירביידע — הבל, ביידע — קין.
און זאָג נישט צו, ווײַל דו ווייסט נישט ווען
דאָס בלוט וועט אויפֿהערן צו שרײַען.

אָט דאָס איז מײַן שטרײַט און נאָר דערפֿאַר:
צו פֿרעגן מענטש די רעכט פֿון נאָמען,
ווען עס רויטלען שטיינער פֿון בולוואַר
און אַלע נאַקנס טראָגן צלמים.

און דערפֿאַר, דערפֿאַר איך רוף מען זאָל
צו ווײַטן גיין ווּ עס ווײַזט מײַן האַנט,
ווּ עס רופֿט אַ באַרג, ווּ ס׳וואַרט אַ טאָל,
קיין איקאַריע דאָרט, אין מאָרגנלאַנד.

נישט גן־עדן דאָרט, נאָר אויך נישט מאָרד.
קיין פֿליגל נישט, נאָר אויך נישט פּענטן.
און זאָל אַ „גוט מאָרגן" זײַן דאָס וואָרט
נאָכן טויט פֿון די טעסטאַמענטן...

ווי זון דורך וואָלקן אין געראַנגל
האָט מיט אַ מאָל זײַן וואָרט געווידערט,
גערעדט פון מאַרקס און עוואַנגל
און זיי געשטראָפט און זיי געברידערט.

ביז ס'איז די זון טיף רויט פאַרגאַנגען
אַהינטער פאָן אויף דער אַרענע.
המונים זענען זיך צעגאַנגען,
נאָר ווערטער ווידערקלאַנגיק זענען

מיט יעדן מיטגעגאַנגען וווֹינען
צו דאַך און קעלער, אויף יעדן אָרט.
און ס'האָט אַ שטערן אין די רוימען
געטראָגן הויך דאָס ריינע וואָרט.

די ערשטע

נאָר אַספּאַראַגוס און די נעלקן
קענען אַזאַ רויט און אַזאַ גרין;
אַזאַ צעבליִונג נאָכן וועלקן,
ווען פֿאַריזער מלכות ווערט רוין.

דערפֿאַר ביַי סען די בלומענשטעלן
האָבן נאָכגעקוקט דעם גאַסנצוג
און די דינסטינס, ביַים וואַשן שוועלן,
ווי פֿאַר פּראָצעסיעס זיך טיף געבוקט.

ביַים גאַנג פֿון זיי, קאַבעער טריַיע,
ווי אַלבאַטראָסן צום וויַיטן וועג.
פֿאַר זיי פֿאָרוים — אַ פֿאָן ווי פֿיַיער,
און זיי — באַלאָדן מיט געפּעק.

אין גרינעם סאַמעט, גראָע הוטן
און רויטע נעלקן פֿאַרשטעקט אין לאַץ.
מיט בליק אַ פֿריַיען און אַ גוטן,
ווי די זון אויף איַיז ווען ער צעפּלאַצט.

אַ בעטלער האָט געפֿאָרשט צעבלינצלט:
אָ, ווער זענען זיי די מאָדנע ליַיט?
אַז קיינער שענקט דאָך נישט קיין מינצל
דעם פֿאַרהונגערטן וואָס קניט אין זיַיט.

אויך אַ מאָנאַך האָט זיך פֿאַרהאַלטן,
ווי די לופֿט וואָלט אים געוואָרן שווער.
דער נאָטרדאַם מיט גלעקער אַלטע
האָט זיך צעברומט ווי אַ בייזער בער.

און כּיכּיק האָבן די זשאַנדאַרן
קייטעלעך געגראַבלט מיט געניוך,
און זונה־יונגען, שלאָפּלאָז־שטאַרע,
האָבן נאָכגעשפּיגן מיט אַ פלוך.

נאָר זיי — אַלץ מער פּאָרויס און ווײַטער,
פון דער פאָן געמונטערט מיט איר פלאַם.
דער האָריזאָנט האָט זיך געלײַטערט:
איקאַריע וואַרט שוין פון איבער ים.

צו נײַער ערד האָט מען געזונגען
מיט לויש פון זאַנג און טעם פון ווײַן.
ס׳האָט אין די הערצער אָפּגעקלונגען:
זי, זי איקאַריע וועט אונדזערס זײַן!

ביז נאָטרדאַם איז שטיל געוואָרן
פאַר די געזאַנגען געהויבן ריין.
געשאַלט האָט אין פּאַריז אַ האָרן:
נישט גאָט, נישט מלך, נאָר מיר אַליין!



הימנען אין סטעפּ

אין ניו־אָרלינס — 1848

דאָ גייען זיי אַראָפּ פון שיפן
מיט מוט און וואַקל פון ערשטע טריט.
אַ פאָן מיט פרעמדע היעראָגליפן
גייט פאַר זיי מיט אַ געריס אין מיט.

אַ נעגער כאַפּט אין מויל אַ פינגער
און גלאָצט נײַגעריק אויף אָט דער שפּיל.
ער זעט זיי אָרעם, אָן איין קלינגער,
אַ רחמנות רירט אין זײַן געפיל.

ווער זענען זיי? אים דאַכט זיי שרײַען
און פאַר וואָס, צו וואָס — דאָס וויים ער נישט.
די פּנימער — ווי בײַ אַ שלײַען
ווען עס יאָגן גרויסע בייזע פיש...

אין פאַרט זיך רודערט, אַ געפּילדער,
נאָר זיי — עס שווײַגט יעדער פּאַסאַזשיר.
דער ים, ווי זיי — אַ שווײַגיק־מילדער,
נאָר ער וויים דעם סוד פון יעדנס ריר.

ער קען די שטילקייט נאָך די בונטן
און דאָס סודיק שווײַגן נאָך געברויז,
ווען מען נידערט צו סמאָלע־גרונטן
און שענסטע פּערל געפינט מען אויס.

אויך ער, דער ים, איז הײַנט אַ מידער,
צעפּאַטשט פון ווינטן — געלענט צום ברעג.
ער קוקט אויף זיי די עלנט־ברידער
וואָס זיצן באָרוועס אויפן געפּעק.

ער שווענקט זיי אָפּ די האַרטע פּיאַטעם
און פאַרקעמט די האָר מיט מילדן ווינט,
ביז איבער פּנימער די מאַטע
פאַלט אַ זונשטראַל ווי אַ בלאָנדער שרינט.

און נעגערס קוקן אַלץ נאָך שטויניק
אינעם געפּילדער פון ברייטן פּאָרט,
ווי די פראַנצויזן שפּאַנען טרוימיק
קיין לואיזיאַנאַ צום חלום דאָרט...

אַ מעווע שרײַט דער טויב אַקעגן,
ס׳קרייצן פליגל זיך מיט וואָרק און שרײַ.
ניו-אָרלינס, זע, געדענק די רגע,
מיט זייער נאָמען שײַנסטו אויך נײַ.

אַ לויב צו דיר פון לואיזיאַנאַ
פאַר אָט דעם גנאָד פונעם ערשטן טראָט.
דאָ פון דיר זענען זיי געגאַנען
מענטשם טרוים פאַרקנעטן אין אַ יסוד.

אַ תּפֿילה צווישן בערג

לאַנד פֿון סטעפּעס, בערג צעשטעלטע,
לאָז אונדז היינט צו דיר דערשפּרייזן.
מיר פֿון שטורעם טיף צעקרעלטע
בעטן ערד־נס, זאָלסט באַווייזן.

מיר פֿון שטאָט ביי סען — די גרים,
מיר געיאָגטע פֿון אַ חיה
חלומען אַ גרינע פּריירי
אויף צו זיין דאָ זין געטרייע.

לאַנד פֿון דזשונגלען די פֿאַרדרייטע,
פֿעלדז פֿון הירש און אַנטילאָפּע,
נעם די ברכה, שטום דערפּרייטע
פֿון איקאַריער פֿון אייראָפּע.

נישט קיין סך מיר קומען מאָנען,
נאָר אויף ערד אַ נחלה קליינע,
נאָר אַ גרודע פֿאַר דער בראָנע
און אַ גרינס וואָס שפּראָצט פֿון שטיינער.

און די דלאָניעס זאָלסטו שטאַרקן
אין דיין דאָ נאָך אַלע וועגן.
אונדז געצונדענע פֿון מאַרקן,
גיב אַ קוואַל אונדז אָפּצורוען.

גיב אַ פֿעלד און גיב אונדז רינדער
אונטער טוי פֿון דיינע הייכן.
גיב אַ היים און גיב אונדז קינדער —
צו די מאָרגנס צו דערגרייכן.

צווישן דײַנע בערגער־רייען,
דאָ אין רחבות פֿון די טאָלן,
לאָז אונדז, לאַנד פֿון בשׂורה, זייען
און אויך שניַיערן און מאָלן.

דאָ — דער טרוים פֿון אַלע יאָרן,
דאָ — דער פּלאַטער פֿון די פֿאָנען.
טו אונדז הײַנט דעם גנאָד פֿון קאָרן,
זײַ אונדז הײַנט מקבל פּנים.

אין סטעפּ

צוויי רייען בערג, אַ דאָרנפעלד אין מיטן,
און אַ בוים ליגט דאָרט מיט וואָרצלען אָפּגעשניטן.
פון בליץ צי ווינט — מיט סאַראַ טויט געפאַלן?
די בערגער שוויַיגן מיט פעלדזנציינער — קאַניבאַלן.

אַ קאַראַוואַן קומט אָן פון גאָרע העקן
מיט לאַפּאַטעס און לאַמען.
ווער קומט דעם סטעפּ אויפוועקן —
ווי זיַין נאָמען?

מיט אַ טשופּרינע אַ בלאָנדע
שפּריַיזט פאָרויס אַ יינגל.
איר קאָפּ הייבט אויף אַן אַנאַקאָנדע
מיט רויטן צינגל.

און שאַ און ציש — ווער ווען? — — —
די בערגער גלאָצן מיט האַרטער גדלות...
מיר! — ענטפערן די נאָמענלאָזע נעמען;
מיר פון באַריקאַדעס!

און ציש און שאַ, דער וועג פירט וויַיטער.
דאָס בלאָנדע יינגל צינדט אין סטעפּ אַ שיַיטער
און ער שלעפּט די שלאַנג צום פלאַם
מיט אַ געלעכטער היַיטער:

דו-דו? מיר-מיר! — שטיפעריש צעיאַטערט.
דער ציש ווערט נישט
מיט שאַ אין אַש
און איבער בערג אַן אָדלער פלאַטערט.



ערשטע זריעה

דרײַ הירשן אויף אַ פעלדז
אַריבער די ברייטע פלאַכן
מיט לאַנגע הערנער,
ווי זיי וואָלטן וואַכן
אויף דעם זייער
און זײַנע קערנער.

זיי שטייען זאַלבעדריט
מיט אַ זונקרוין אין דער מיט,
שווײַגיק,
שטויניק,
די הערנער צונויפגעצווײַגיקט,
אין בילד פון וועלטרו אַרײַנגערוימיקט.

דער אָפּגרונט שוואַרצט אין זייערע בליקן,
ער שרעקט מיט שמעטער די געניקן,
נאָר זיי נישט רירן.

דער זייער גייט,
ווינט די קערנער שפרייט
און די רחבותן אָין־סופיק פירן.

די דרײַ הירשן שווײַגן
ווי זיי וואָלטן פרירן...

עיקרים פון איקאַריע

אפשר אָדם האָט דאָ געשפּאַנט,
אפשר קין — זײַן שפּיז געשאַרפט,
אפשר הבל — דאָ אין זאַמד,
און מיר — אין גאַנג מיט אָקערס שאַרף —
נישט צו קיין גאָלד, נאָר מי און ברויט,
אַ גן־עדן זאָגט מען נישט צו,
נאָר אַ כאַטע אַליין געבויט
אויף האַרטער ערד אין סטעפּעס ווו
און אַ פעלד — אין געמיט אַ וועלט
ביז די שטערן אויף ראַנדן ווײַט.
איקאַריע מיינט: אַ חלום העלט
מיט נצח־ליכט, אָן גבול פון צײַט.

*

וואָס אַ צירקל, וואָס אַ ווירע? —
אָט די גאַנצענע טרעוואָגע.
לאָמיר בויען פּראָסטע דירה
אי פאַר וואָך און אי פאַר חגא.
אַלץ בצימצום, פאַרבן מאַטע,
נאָר ליכט אַ סך — ברייטע שויבן.
ווײַנט די וועלט מיט אונדז אין כאַטע,
איז סײַ־ווי אַלץ ברייט, געהויבן,
און נישט גאָטיק, און נישט באַראָק.
זון פון פעלד זאָל אַלץ באַצירן.
מיט האַרץ באַשלאָגן יעדן טשוואָק.
מיר אַליין — די אינזשענירן.

*

פֿאַר דײַן הויז דעם אויפֿגעבויטן,
פֿאַר דײַן חבֿרס היים אַקעגן —
שטעל נישט צוימיק קיינע פּלויטן,
רויזן פֿלאַנץ נאָר אויף די שטעגן,
רויזן רויטע פֿון באַגערן
און אויך ווײַסע — ווּנק פֿון פֿרידן,
און מיט אָונטס ערשטן שטערן
נאָכן לאַנגן טאָג דעם מידן —
ווען דו קומסט פֿון הייסע בייטן
זאָלסטו נישט אין שטוב פֿאַרפֿרירן,
און זאָל איינער אויפֿן צווייטן
וואַרטן בײַ די ברייטע טירן.

*

אַרום שטוב די ברייטע לאַנען,
פֿאַסן פֿאַרביק ביז צו ראַנדן,
ווּ די זון וועט מיניען, מאַניען
צווישן פֿעלדזן, ליימען, זאַמדן,
און דורך פֿענצטער נישט פֿאַרשטעלטע —
פֿרײַער בליק צו אַלע זײַטן,
צו דעם האָריזאָנט פֿון וועלטן,
צו דעם האָריזאָנט פֿון צײַטן,
אַז דאָ, אין די דלד אמות
זאָל מען נישט פֿון שלווה וויאַנען —
קוקט צו ווײַטסטע פּאַנאָראַמעס,
צו דעם נצחס אָקעאַנען.

*

ווער עס זעט זײַן היים נאָר אין רו,
אַ שפּין וואָס וועבט אַ פֿאָדעם זײַד
מיט שטיל געוויג פון איי־לע־לו
ווײַט־ווײַט פון קראַטער פון דער צײַט;
נאָר זיך אַליין מיט ווײַב באַצווייט
און זעט נישט ווי אַ כמאַרע גייט
מיט אויפגעבליצטע תּלין־טריט —
דער פאַלט אומגערן צו פאַרראַט
און גרייט זײַן האַרץ פאַר שלאַנג פון האַס,
דער רײַסט אַליין דעם לעצטן בלאַט
פון דער קרוין פון עץ־הדעת.

*

אין טײַפונען, אין ווירוואַרן
זאָלן זיי, די גרינע סטויגן,
זײַן פאַר אונדז געבעט־אַלטאַרן
פאַר אַ ריינער טרער פון אויגן.
זאָל גאָט אַליין זען מיט קינאה,
ווי אויך אָן דעם פרעפלען תּפילה
בלאָען הימלען אין דערינען,
אין נשמה־טיפן שטילע.
ביז ער וועט ווי מיר געבויגן
צו אַן אַנדער גאָט אויך גאַרן
בײַ די הויך־צעשטעלטע סטויגן,
בײַ די גרינע זאַנג־אַלטאַרן.

*

אין איין שײַער אַלע מיִען,
פּולער, פּילער אָנצופּילן.
און ווידער ערד אויפצוריִען
פאַר דעם שוועב פון פלינקע מילן.
אַזוי דער זין פון אַלע גוטסן
און נאָר אַזוי עס צו באַשיידן:
יעדן איינעם — צו זײַן נוצן.
ברויט און ברכה מיינט: גן־עדן.
און דערפאַר די טויען רינען,
ס׳זאָלן קערנער יעדן סטײַען.
דאָס, איקאַריע, איז דײַן זינען:
מיט ליד פון ברויט מענטש באַנײַען.

*

וואָס מיין איך נײַ? אַז דו און זי,
מיט חלום זון אין סאָמער וואָר,
זאָלט יעדן טאָג — בראשית פרי
גיין גריסן נײַ דאָס נײַע יאָר,
בײַם הערן טריט פונעם באַגין
מיט עלטסטן און מיט נײַסטן רוף
פון גאָט און מענטש אין זיך דערין,
אין אָדערשטראָם פון הייסן גוף,
און נאָך דעם גיין באַנײַטן טראָט
אויף ברייטער בייט מיט זריעה־מוט.
דאָס מיין איך: נײַ, דאָס איז דער סוד
פון האַרץ וואָס שעפּט און שעפּט נײַ בלוט.

*

אַ, איַילט זיך נישט צום מאָנומענט,
צום אויסגעהאַקטן פּראַכט פון שטיין.
ער שטיַיגט אַליין און וואַקסט און בלענדט
פון איַיער פלייש, פון איַיער ביין.
איר זעט אים נישט, ער וועט דאָך זיַין
ווי איר באַגערט, אי שיין אי גוט,
פון שענסטן וויַינטרויב תמצית וויַין
אין סאַמע רויטן פונעם בלוט.
אַ פּיצל יינגל, זוניק בלאָנד,
וועט דאָ ביז הימלען הייבן הענט
און אויף איקאַריעס האָריזאָנט
פאַר דורות זיַין אַ מאָנומענט...

אַ בינשטאָק גייט

און ווען אַ טרויער נעמט אַרום דעם סטעפּ
און נעפּלען ציִען פון ערדס ווײַטע אַקסן —
איז גוט צו זען ווי ס׳גייט אַ וואַלד מיט קעפּ,
ווי זאַנגען וויגן זיך בײַנאַנד מיט אַקסלען.

זע, אַ בינשטאָק גייט מיט זון באַשפּיזלט
און גיפט און האָניק נישט צו אונטערשיידן.
ס׳איז ליכט און טרויער אין איין געריזל,
ווי זון מיט גרודע טרעפן זיי זיך ביידע.

אַלע קומען, יעדער טראָגט באַזונדער
זײַן ווייטיק און זײַן פרייד-דאָרשט צום צוזאַמען.
און אַלץ ווערט העלער און אַלץ ווערט בונטער
ווען ס׳זאָגט איין בליק צום צווייטן: כ׳האָב פאַרשטאַנען...

דאָס איז אַ טראָט — פאַל און שוועב צוזאַמען.
דאָס איז אַ שווײַגן — איבערפול מיט פיבער.
די ליבשאַפט ווײַזט: זע, כ׳בין נאָך פאַראַנען,
און די שׂינאה זעט: נישטאָ פון זיי שוין ליבער.

און עס שטײַגט אַ ליד אין שווײַגיק הערן
ביז יעדער שוואַכלינג ווערט אין פעלד אַ גבור.
זאַנגען, סנאָפּעס בינדן זיך און קערן
און אויף די סטויגן האַנט צו האַנט גיט איבער.

סטויגן וואַקסן מיט יעדן דרייסטן וואָרף
און סנאָפּעס זאַפּן זון און שווייס און טרערן.
נײַע זריעות חלומט דאָס יונגע דאָרף
און בעט אַ גוטן רעגן צו באַשערן.

אַ מיקדש

אויף בייטן שפּילן רעגנס, זונען
מיט פולן חן אַ סעזאָנען־שפּיל.
נאָכן זייען איז שניט געקומען
און אויפן בערגל שוין שטייט אַ מיל.

און איצטער דאַרף מען שוין נישט פרעגן
וואָהין דער ווינט דאָס אַלץ דערפירט.
די וועגענער אויף פעלדערוועגן
מיט זון און זאַנג זענען העל באַצירט.

ס׳גייט אַלץ אַהער מיט איין פאַרלאַנג:
אי ברויט אי ברכה — מערער, פילער.
און ווען פליגל שוועבן מיט געזאַנג
באַדאַנקט זיי יעדע זאַנג מיט תפילה.

פעלד — אַרום־אַרום, די מיל אין מיט —
אַ מיקדש איבער ברייטע טאָלן.
צום בערגל פירן אַלע טריט
פון זייען, שנײַדן, ביז צעמאָלן.

אויך אַ וואַנדערער קומט אָן אַהער
און פילט דאָ אָן זײַן זאַק דעם לערן.
ער לאָזט איבער בײַ דער מיל אַ טרער
און גריסט מיט פרייד דעם מאָרגנשטערן.

אַ טרעמפּ אַ גאַסט

— דזשאָן היים איך,
פון וואַן — נישט ווייס איך,
גאַנץ טעקסאַס מײַנע גיטער.
ווו אַ ווינט — דאָרט ציט ער.
ווו אַן אָרט — מײַנע געסטן, —
דזשונגלען, וועלדער,
שענקען און אַרעסטן...

אַנטשולדיקט, אַלטער,
קאָן איך דאָ איבערנעכטן?
זאָל זײַן אין שײַער.
איך שווער: קיין בייז, קיין פײַער...

און נאָך איך בעט אײַך,
זאָגט מיר בנאמנות,
צי אמת אַז איר
צום גן־עדן האָט אַ טיר
און מען דאַרף נישט האַקן שלעסער?
איז דאָ טאַקע בעסער?

כ׳וועל אפשר ברענגען אויך מײַן מיידל,
ווי אַ שוועלבל איידל.
נאָר אויב, חלילה, אויף די וועגן פּאַל איך —
כ׳בעט אײַך, היט מײַן מלאך...

— קום, דזשאָן!
פּאַרבעטן ווערט ער צו דער סעודה,
צום טיש דעם נאַקעטן און האַרטן,
ווי נאָך איינער אַ ברודער

מיט אַ בליק פון סטעפּעס
און מיט אַ האַרץ אַ צאַרטן.

די נאַכט וועט ער אין שײַער איבערשלאָפֿן,
אין דער פרי זיך לאָזן צו די וועגן.
און לאָמיר ווינטשן און לאָמיר האָפֿן,
אים זעגענען און גאָרנישט פרעגן.

אַ פויגל הייבט זיך איבערן שײַער
און פליט נאָך אים צו באַגלייטן.
ווּ וואַרט אַ וואַלד מיט שרעק פאַר פײַער,
ווּ וואַרט אַ שטאָט מיט קלונג פון קייטן...

— דזשאָן, דו זאָלסט געדענקען,
אויף אַלע דײַנע וואַנדערוועגן,
דעם קילסטן ווײַן פון אַלע שענקען,
אין אונדזער שײַער דעם גרינעם רעגן.

די פרוי פון ניו־אָרלינס

— וואָס איר ווילט! —
מײַן הויז, מײַן צירונג.
סײַ־ווי מײַן הונגער נישט געשטילט,
נישט איך די האַרינטע אויף מײַן פירונג.

כ׳בין מיד פון די סאַלאָנען,
די געגדזנטענץ און קאָטערקניקסן.
כ׳בין אויפגעוואַקסן צווישן מאָנען
און פאַרוועלקט בײַ אַנדערע געוויקסן.

ניו־אָרלינס, איר ווײַן און סם —
ווי אַ פלאַטערל בין איך געלאָפן צו דעם פלאַם.

אַ נעץ פון גאָלד און פעטס, שקרנים און עשירים.
ווי צוריק? איך זוך די טירן.
איך קני, איך פאַל אונטער לאַסט פון גאָלד.
ווי אַ תּליה מיר די רינגען און בראַסלעטן!

פרעגן — כ׳האָב געוואָלט,
צי קאָן מען מיך נאָך רעטן?

כ׳וויל צוריק די האָר ווי אַמאָל פון פלאַקס
און ווידער — צווישן מאָנען וואַקס —
זאָלט איר מיר זאָגן.
די ערשטע וועל איך אויפשטיין מיטן טאָגן,
די לעצטע פאַר נאַכט אין פעלד פאַרבלײַבן.

אָ, טוט מיך נישט פאַריאָגן,
טוט מיך נישט פאַרטרײַבן...

דער יונגער חבר

— נאָך ווייס איך נישט וואָס טאָן מיט מײַנע יאָר
און וואוהין מײַנע וועגן פירן.
איך בין שוין אויסגעווען פון גאָר ביז גאָר
און עס רופן מיך די מאָנאַסטירן.
מײַן ערשטע ליבע האָט גאָר פרי געדאַרט
מיט סם פון האַרבסט — מער נישט אומצוקערן.
כ׳האָב די קושן מיט נעגל אָפּגעשאַרט —
און אַן אַנדערע — שוין נישט באַגערן...
אָבער ליבשאַפט וויל איך, אָ, זאָגט מיר ווּ
און ווי, צי דאָ — צווישן כמאַרעס שווערע?..
איך וויל נישט קיין סך, נאָר אַ ביסל רו,
אַ ביסל רחמים, אַ ביסל ערע...

פאַר וואָס די אַלע פּנימער דאָ ביין
און ווּ דער צוזאָג, אַז בעסער, שענער?
צי נישט דערפאַר ווײַל איר פאַרמײַדט דעם קרייץ
און אויך ווײַבער זענען האַרט ווי מענער?..
ס׳טוט מיר ווייי וואָס אַלע זענען פרעמדע
אויך דעמאָלט ווען כ׳בין צום טיש געלאַדן.
איך זע, אַלע טראָגן בלאָע העמדער —
זענען זיי באמת קאַמעראַדן?

*

בחור דו, ביסט הונגעריק צו ערע
און נאָר דײַן הונגער קאָן דיך דאָ שפּײַזן.
פון די ליידן צינד אין פעלד דײַן שטערן
און זאָלסט דײַן ליכט אַלעמען באַווײַזן.

נישט אין מום ביי יעדן זיי אַ חוקר.
זע נישט יעדנס מינע ווי אַ סימן.
בחור, ווייס, אַז יעדנס נאַקן הויקערט
און אין יעדנס אויג איז בלאָ דער הימל.

קום פרי אין פעלד, מיך ביי דערנער טרעפן
און וועסט זיי רייסן מיט מיר אין איינעם.
און היינט ביי נאַכט דיינע טרערן עפן,
אויף פעלדער מאָרגן זאָלסטו נישט וויינען.

*

אויף צומאָרגנס פון איין בייט געריסן
האָבן יונג און אַלט די דערנער־פיילן,
זיך געטיילט מיט ברויט, דעם שוואַרצן ביסן
און אויך מיטן ליכט פון טויזנט מיילן.

און מיט פאַרנאַכט האָט געשיקט דער יתום
זיינס אַ בריוו צום מאָנאַסטיר אויף סטעפּעס,
מיט שטאַמל־טרערן עם אויסגעגאָסן:
איך בלייב שוין דאָ, ס׳איז מיר ליכטיק עפּעס...

דעמאָלט האָט די נאַכט צאַרט וויך גענידערט,
ווי אַ מאַמעס האַנט צו ווישן טרערן.
און אַ שטילער רחמים האָט געברידערט
אין איקאַריע, אונטער גרינע שטערן.

הימנען אין סטעפּ

צו דרום, צו צפון
צוויי וועגן ברייט אָפן.
אין שטעט דאָרט די שענקען
מיט וויַינען און רויכן,
מען קאָן דאָרט פאַרטרינקען,
מען קאָן דאָרט פאַרטויכן
די יִיאושן אַלע
וואָס פרעסן און קלעמען,
און אין קאַטעדראַלע
ביַי הייליקע נעמען
דאָס אַלץ צו פאַרגלעטן
נאָך לוסטיקע זינדן.
מען קאָן זיך דאָרט רעטן,
אַנטלויפן, פאַרשווינדן
פון אַנגסטיקן טראַכטן,
פון אומעטיק זאָרגן.
ביידע שטעט רופן נאַכטן
און בליַיבן אויך מאָרגן.

אי דרום אי צפון —
אַלץ אַלט און פאַרלאָפן.
נישט פרעג ווו איז בעסער
און ווו קומט מען זיכער.
די שטאָט הילט דאָס מעסער
מיט זיַידענע טיכער.
בליַיב דאָ אויף דעם שטעג
דעם לעצטן, דערגרייכטן,

ווײַט-ווײַט פֿונעם עגל,
אין אָרעמען היכל.
נישטאָ דאָ מאַדאָנעס,
נישטאָ קורטיזאַנעס,
נאָר מוטיקע בראָנעס
אויף ווילד-פּאַנאָראַמעס.
קיין וועג נישט צו דרום,
קיין וועג נישט צו צפֿון,
ווו שטעט שטייען אָרעם
בײַ פֿעלדערס אֵין-סופֿן.

וואָס צפֿון, וואָס דרום
ווען זון אויפֿן אָרעם
דאָ אין געווילדן
ווו גלייביקייט פּאַניקט!
נישט ליגנערשע שילדן
מיט הור-ליכט באַשטראַמיקט,
נישט שטעטס קעניגרײַכן,
מיט אַלע איקאָנעס,
קאָנען זיך גלײַכן
צום מוט און עקשנות.
ס'איז בליץ אין געוויסער
אַקעגן אײַך, מינצלער
פֿון מאַרק ס"ט לואיסער,
פֿון פּאָרט ניו-אָרלינסער.
קוקט זיך אײַן, ביידע שטעט
צו דעם וועג וואָס צווישן,
און דערקענט אים, אָט זעט —
ס'איז אָדם הראשון!

וואָס דרום, וואָס צפון,
ווען ווידער געטראָפן
ברייטראַנדיקע רונדן
פון גרויסערדס אַרומען
אין וועלטפרי געצונדן
מיט יִינגסטער פון זונען!
די אויגן איצט שטראַלן
אויף אַקערשע גלאַנצן.
זיי שטראַלן, זיי שטראַלן
צו וועלטרוים דעם גאַנצן.
וואָס זענען דען פּרכן?
אין וועלטרוים נאָר פּיצלען.
די אייביקע שליאַכן
מיט תּוהו נאָך בליצלען.
וואָס ראַשיקע ליכטער?
וואָס קאַרנאַוואַל־פּאָנען?
צינדט אָן אויף געזיכטער
דאָס געטלעכע פּנים!

בײַם טיש פֿון איקאַריע

— דו, עטיען, געדענקסט געווים
דײַן צוזאָג אין פּאַריז,
אַז שליסלען האָסטו
צו מלכות השמים —
טאָ זאָג מיר איצט
ווי צו אַ ברודער אַ געטרײַען:
וווּהין ביסטו דערגאַנגען,
צו וואָס האָסטו דערפֿירט
מער ווי מיר אין מאָנאַסטירן —
צי האָסטו כאָטש צום האַרץ איין טיר
פֿון אַלע טירן?

איך זע דײַן מאַטער בײַם טיש דעם האַרטן,
מיט קלוגע רייד פּרוּווסטו די מענטשן נעמען,
אָן גוטן ישון,
אָן מרימען, די צאַרטע
און אָן די שליחים — אַלע גרויסע נעמען.
ווי פֿאַרלאָזטו זיך אויף זיך אַליין,
אויף דײַנע קלוגע פּאַראַגראַפֿן?
אָן תּפֿילה און אָן געוויין
ווילסטו די מענטשן איבערשאַפֿן?

אַז ווי אַזוי?
געדענק, עטיען, איך וואָרן.
כ׳האָב מײַן נסיון, אוי,
בײַ מתוודה זײַן לאַנגע יאָרן —
און כ׳זאָג דיר, אַז אָן גאָט
וועט דײַן כּוח לאַנג נישט סטײַען.
דו פֿירסט צו זינד און מאַכסט צו שפּאָט
דאָס מלכות השמים.

*

נאָך איינער דאָרט
האָט געזאָגט זײַן וואָרט
בײַם טיש פון די דיספּוטן,
אַ קול פון שטאָל
וואָס ציטערט טיף
פון ווייטיקדיקע בלוטן:

— מסיע, איך וווּנדערט אויף מײַן האַנט,
זי טוט אײַך קוועלן,
די פינגער פעלן — —
מיך אַרט עס גאָר נישט ווייניק,
נאָר ערגער נאָך — זאָגט מיר מײַן פאַרשטאַנד —
ווען דאָס האַרץ איז שטייניק
און דאָס האַרץ איז מיט דער האַנט נישט אייניק...
איר רעדט פון מלכות השמים —
איר ווילט צו־פיל,
ווער קאָן דאָס צאָלן?
ס׳איז גענוג, אַ מענטשן קאָן עס סטײַען,
אויב מײַדן וועט ער די פאַלשע שפּיל,
גיין טאָן זײַן מי
יעדן אינדערפרי
און נישט פעלשעווען אויף שאָלן...
איך מיין צו זאָגן, אַז אויך דאָס געהערט
צו די שווערסטע ראָלן.

די האַנט אָן פינגער האָט ער אויף טיש צעשפּרייט,
ווי געוואָלט מענטשם גוטס אויסמעסטן.
ס׳האָט שוין פאַרשפּאָרט איעדנס רייד —
מאַרסעל דער שמיד האָט עס געזאָגט צום בעסטן.

דער כּומר — בייז און שטיל פאַרטראַכט
געצויגן האָט זײַן פעלערינע,
געפילט אין די געדאַנקען נאַכט,
אַז נישט בײַם טיש וועט ער געווינען.

אַ רויטן עפּל האָט ער צעשניטן,
אַ שלוק געטאָן דעם זיסן קוואַס,
און אין עפּלס סאַמע מיטן
האָט אים געבריט דער עץ־הדעת...

געטאָן זײַן פּנים האָט אַ ציטער
אין דער הנאהס סאַמען פּונקט,
ווי דער עפּל וואָלט געביטערט
פון דעם שמידס געדאַנקענפּונק.

קאַבע דער זקן האָט געשמייכלט,
צודערלאַנגט מטעמים נאָך און נאָך,
און שטילערהייט באַדאַנקט דעם שׂכל
פון מענטשן סתּם וואָס שלעפּן יאָך...

*

אויך מײַן וואָרט — איך האָב עס געזאָגט דאָרט
ווי אַ גאַסט, שעמעוודיק מיט שטאַמל:
איך בין אויך פון ערגעץ אין אַ דאָרף,
פון אַזעלכענע, ווײַט פון דאַנען.

פֿנענס שטויב אויף מיר האָט נאָך געגליט
מיט דעם מידבר־פּאַך פון חמסינען,
און צווישן כּומר און אַלטן שמיד
האָב איך געפּרוווט אַן אָרט געפינען.

כ׳האָב אָנגעהויבן שטילינק ברומען:
וואָס איר געזאָגט און בנוגע...
נאָר ווערטער זענען אָנגעקומען,
ביז כ׳האָב מיט שטאָלץ געזאָגט מײַן דעה.

זיך צערעדט מיט אַ היץ אַ יונגע
און ווי מיט ווינטפּאַך אָנגעלאָדן —
אַ וואָרט פון האַרץ וועגן דרײַ דזשונגלען
און מלכות ערד און מלכות אָדם:

איינס בײַם אַנדערן — די שטאָט, דער סטעפּ —
אַ דזשונגל ווילדגראָז, אַ דזשונגל שטיין
און מיט זיי ביידע איז פאַרוועבט
דער דריטער דזשונגל — אין זיך אַליין.

דעם קאַלטן שטיין און זײַן האַרט געלענד
פרווּוט די שטאָט מיט געניס באַדעקן.
מען קאָן אויך דעם סטעפּ, וואָס נאַקעט ברענט
מיט גראָזן קילן זײַנע שטרעקן.

נאָר וואָס מיט אים, מיט דעם דזשונגל דרײַ,
דעם דורכגעשטיינטן און דורכגעברענטן?
וואָס זאָגט איר צו — ווי צו מאַכן נײַ
מיט צוזאָג פון די טעסטאַמענטן?

מלכות שמים? ניין, קיין מאָל נישט!
ס׳וועט גאָט נישט טיילן קיין גענאָדן...
און געקלאַפּט מײַן פינגער האָט אין טיש:
זאָגט: מלכות ערד. פרווּוט: מלכות אָדם!

און גיך זאָל זײַן — אויף דער האַרטער ערד,
מיט אַלע שלעכטסן, ווי מיר זענען...
פון כּומרס אָטעם האָב איך געהערט:
דו כּופר־יונג, דיך קומט פאַרברענען.

ס'האָט פון זײַן בליק געיאָגט אַ כּעס
אויף מיר, מײַן לעסטערשע גערײדע
פון עץ־החיים, עץ־הדעת
און מלכות־אַדמדיק גן־לײדן...

אַדורך זײַן שוואַרצער פעלערינע
געזען האָב איך וואָס אין דערינען.
און ס'האָט געענטפערט אויף זײַן שׂינאה
מײַן בליק דער הייסער מיט חמסינען.

*

דאָרט בין איך געווען
ווער ווייס ווען,
אי פריִער און אי שפּעטער...
כ'בין געקומען מיט כּנענס ברען
אין גרינעם קלייד פון אײלבערטבלעטער.
אַ צווײַגל פון מײַן לאַנד
האָב איך בליִענדיק געטראָגן
און עס פאַרשלומט אין זײַן האַנט,
מיט ליכט פון טאָגן:

— שלום, זקן!
איך קום פון שטאַם אַלט־נײַ — אברהם.
לך לך — האָט אים געזאָגט
אַ גאָט אַ גלײַיקער און אַלטער,

לך לך — האָט מיך געיאָגט
אַ דור אָן גאָט, אַ קאַלטער.
נאָר איך — איך גלייב,
אַז נאָך אור־צײַטיק פּרוּוען
פון יהי אור די ערשטע גלוּוען
און העכסטע פּליגל מיט ריינסטן גאָלד
אויך אין די זומפּן נעסטן —
צי נישט אַזוי? —
כ׳האָב עס אויך באַנומען
אין איקאַריעס מאַניפעסטן...

ס׳איז דער כּתב
פון אייביקן באַשאַף —
בראשית,
ווען אינעם פלייש איז
אַרײַן דער שײַן פון ערשטן שטערן.
צי נישט אַזוי? —
כ׳וויל הערן.

אַראָפּגעבויגן האָב איך מײַן קאָפּ
און פון מײַן נאַקן
דורך די ריסן פון מײַן קלייד,
ווי בײַ אַ געשלאָגענעם פון רוט און קייט —
אַרויסגעדאָרניקט האָט
מײַן ברוגז־רים מיט גאָט
און מײַן ליביקייט צו אָדם־הבל.
האָט מיך קאַבע געבענטשט:
דורך אַלע וועגן גיי, מײַן זון,
און טו דײַן טון
און גלייב, אַז נישט הכּל הבל...

גערדאַנקט האָב איך
פאַר איקאַריעס שטויב אויף מײַנע שיך:
אַז גערימט זאָל זײַן אין אַלע אַלן
דאָס שטײַגן און דאָס פאַלן
פון דעם וואָס פרוווט
מענטשס האַרץ אין פרירן
מיט איין שטראַל זון באַצירן.

און ווי מען נעמט אַ טרונק פון ברונעם —
זײַן בליק האָב איך גענומען
אַהער צום אַלטן לאַנד,
אויף גײַסטע שטעגן אים צו טראָגן —
דאָ, בײַם מידבר ראַנד,
ווו האַרץ מיט פעלד צוזאַמען טאָגן...


מעטעאָרן

אַ בלעטל פון אַ טאָגבוך

מיך שרעקט די צײַט, דער לײַכטער מיש
פון פֿאַרגעלבטע קאַלענדאַרן.
דער נײַער טאָג קומט זעלטן פֿריש,
שטויביק איז ער פון ווירוואַרן.

כ׳וויל נישט זון ווי אין גבעון —
בלײַבן שטיין אין פּראַכט פון גליוועט — —
כ׳האָב אויפגעשריבן אויף מײַן פאָן:
פֿאָרויס, העכער און אַריבער!

מיך שרעקט די צײַט, דאָס קאַלטע אײַז
פון זיבן טעג די מיניאַטורן.
איך וויל ביז קץ דעם ווײַטן שפּרײַז
פון וועלטגעבורטס ערשטע שפּורן.

איך וויל דעם לויף. איך וויל דעם שפּרונג
פון טאָג איבער טעג געשטיגן.
פון דומם וויל איך הייסן זונג
און פון חי — דעם פֿעלדזן-ניגון.

מיך שרעקט די צײַט, דער פוילער ריר
פון מלאכים אין דער נידער.
איך וויל די מילב — מיט גאָט אין איר,
דעם בראשית וויל איך ווידער.

פאַר אַכטן ווינטער — 1855

איך זע די עפּל, די באַרנעס און די פלוימען,
די זיסע ווּקסן, די ליכטיקע געבליִען —
ווי ביימער צאָלן דעם צוזאָג פון די טרוימען,
דעם לוין דעם שענסטן פאַר יאָרן טרײַען מיִען.

כ'זע עס, איך באַטראַכט עס און ווער פול מיט קינאה:
צי אויך מיר אַלע פאַר אונדזער טרוים-חוב צאָלן?
פרוכטן גאָלדענע — צי וואַקסן זיי אויך אינעם
האַרץ בײַ מיר און דיר, הינטער די הויטנשאָלן?

אַכטער ווינטער גייט נאָך ערשטן שפּרונג מיט העזה,
די ביימער שמייכלען מיט אַלדאָס גוטס באַלאָדן.
נאָר וואָס טוט זיך הינטער פאַרהאַנגען די ראָזע
נאָך האַלבער נאַכט ווען ס'ווערט צוגעמאַכט דער לאָדן.

ליכטלעך בלאַסינקע מיט שמעלצנדיקע טריפן
און ס'קלאַפּט דער ווינט פון סטעפּ אויף פאַרשטעלטע שויבן.
וואָס זאָגן איצט מײַנע טרוימיקע באַגריפן?
ווער פאַרברעכט די האַנט וואָס האָט אַ פאָן געהויבן?

ווי איינזאַם אין געמיינזאַם, ווי אָפּגעשלאָסן!
נאָר דער ווינט אין סטעפּ — ער קלאַפּט אין טיר מיט וואָגל.
אַ וואָלקן טראָגט ער מיט גאַלן אָנגעגאָסן
און פאַר יעדן וועט ער אָנגיסן זײַן לאָגל.

די גלעקער פון ניו־אָרלינס

קום, יינגל! קום, מיידל! —
דאָס קלינגלט און דריידלט
די ליכטיקע שטאָט
מיט די וואַרעמע שויסן.
אייַך איז זי אויסן,
לייַט בייַ דער בראָנע.
עס רופט אייַך צו חגא
אַ שוואַרצע מאַדאָנע.

שערענגעס, שערענגעס
מיט לאָמפּן צעהאַנגען,
מעשענע באַרנעס
געפּאָרמיקט ווי ברוסטן
און סטענגעס אויף סטענגעס —
צעוויקלטע שלאַנגען
וואָס שטיקן די סאַרנעס
אין שווינדראָד פון גלוסטן.

די פאַרבן, די ליכטער —
זיי שפּרינגען און פאַלן
מיט מאַגישע צונדן
פון קאַרנאַוואַלן,
מיט שוימונג צעפּלייצטער —
פון סמיקע ברויזן,
און אַלץ מער צערייצטער —
אייַך איז זי אויסן!

דאָרט גיפּטיקן ווײַנען
פון טרויבן פון דײַנע
און אין שפּיל פּרווּוט מען דאָרטן
דײַן גורל אויף קאָרטן.
מען פלוכט דיך אין קנײַפּעס
בײַם קאָך פון אַזאַרטן,
מען שטאָקט צו דיר שׂריפות
אויף טיש פון ביליאַרדן.
דיך שענדן אויך לויבער
בײַ פרומע אַלטאַרן
און עס גרייטן שוין רויבער
די זעק אָנצושאַרן.
נאָר דו מיט דײַן ערנסט —
דו שווײַגסט און דו שטערנסט...

וואָס שלווה אין שטיבער?
וואָס שפּילסטו: „מײַן ליבער"?
זיי גראָבן טיף־קראַטיש,
מיט גאָטשפּרוכן טכויריש ——
און ווו דו, איקאַריע,
מיט דײַן שם־המפורש?

הערט, רינדער שוין מוען,
זיי צופּן דאָס ווילדגראָז
און שפּײַען די סלינע.
ווי זאָלן זיי רוען?
זיי פילן די קינאה
פון פּאַסטעך דעם תּם
צו שטאָטס קאַרנאַוואַלן.

הערט זיי, די רינדער
זיי מוען: פאַרפאַלן
זיי וויינען אַצינדער,
אַז אוים מיט די שטאַלן.

נישטאָ זייער פאַסטעך,
ער איז ווײַט שוין אַנטלאָפן,
דאָרט ווו מען האַסט אײַך —
אין שענקען ברייט אָפן.
די רינדער — אַליין
באַהאָגלט אין דרויסן,
און דאָרט קלינגט די שטאָט
מיט וועלפישע ציין —
אײַך איז זי אויסן!

דער חשבון

כ׳האָב נישט צוגעזאָגט קיין גאָלד,
אַוודאי נישט קיין דימענט.
נאָר ברידערשאַפט געוואָלט
אָן צוימען און אָן רימען.
צי איז זי דאָ
ביַי שיַיערן די פולע? —
אין ברונעם אויפן דנאָ
איין טראָפן כאָטש — גאולה?

מיר טרעפן זיך אין פעלד ביַי שניט,
מיר טרעפן זיך אין מיל ביַי מאָלן,
און פאַר וואָס שיידט נאַכט די טריט
און בלאָזט מיט מידבר אויף די טאָלן?

אַווּ דער צוזאָג פון פּאַריז,
פון פּענער דאָרט דאָס גלייביק פיַיער —
דאָ, ביַי דער הנאה, ווען דער עפּל זיסט
און ס׳שמעקט דאָס ברויט פון זאַנגען אינעם שיַיער?

ווּ איז די בליצונג פון אַ וועלט
ביַי אַיַך, יונגע לײַט, אין לוסטיק שפּילן?
ווּ איז די הויכע פאָן אין פעלד?
ווּ ווינט און פליגל אויף די מילן?

אַ מאָלציַיט רופט שוין ווידער: קום
צו אַלדאָס גוטס פון האָניק-שמאַנטן.
ווּ די בין, דער זשום,
דער צער פון אומעטום
וואָס שטראָמט אין האָניק
פון גיפט דעם אומבאַקאַנטן?

די פליִינען — פּעט, איבערפול די מיל,
די טישן — שיינע, ענג באַשטעלטע.
צי איז דאָס דען אַלץ וואָס איך וויל —
צי אויף ברויט אַליין מענטש און וועלטן?

איך פרעג: פון וואַנען? איך פרעג: וווּהין?
איך בייג די פינגער צו גערדאַנקען.
איך קוק און פאָרש ביַי זאַנגענס גרין
און זוך אין ברויטן די געזאַנגען.

און איר מאָנט פרייד — איך זאָל געבן,
וויַיל איך האָב אײַך געברענגט אַ בשׂורה.
אַלט בין איך, טרויעריק מײַן לעבן
וואָס בונטעוועט און זוכט גאָטס שפּורן.

אַ טיר האָב איך געעפנט: גיי —
און איר פאַרשליסט זיך אין די שטיבער.
איך, עטיען, אַ ווײַסער שוין ווי שניי —
צו לאַכן פון מיר און פון מײַן דיבור...

דאָך זעט, פול נאָך קוועלט
די טרער פון וועלט
וואָס כ׳האָב געשעפּט.
און איך פון אַלע וועגן,
איך, דער אָרעמאַן —
כ׳וועל וואָרענען און פרעגן
ביז מײַן לעצטן שפּאַן.

מיר, יונגע לײַט

— דו וואַרפסט אויף אונדז אַרויף דעם באַרג
מיט שטרענגן גאָט-געבאָט:
אַזוי און אַנדערש — ניין,
און דו פּילסט נישט ווי דו וואַרגסט
מיט שטאָלץ און שפּאָט
אונדזער אָטעם און געביין.
איז וואָס, אַז ביסט געבוירן פריִער
און לוחות טראָגסטו אויפן קאַרק?
מיר זענען די טוער און די מיִער,
אין פעלד די זייער
און די פאַרקויפער אויפן מאַרק.

זאָגסטו: איקאַריע — צײַטן, וועלטן,
ווי אַ מאָס אונדז פאַר נאַכט און טאָג.
אונדזער טוען זעסטו זעלטן
און זאָגסט: אַ פּעדער אויף דער וואָג.
צי נישט געזייט דאָס פעלד ווי טרײַע,
אין געבליץ פאַרפולט דעם שײַער
און אין שלאַקס געפיטערט שאָף און רינד?
וואָס זשע מערסטו שינאה-פײַער
און פאַר די זכותן ביסטו בלינד?

מערסט פליכטן און געבאָטן מיט אַ צוים און כאָמעט.
דאָ, אין פרײַען פעלד ווילסטו אַלץ ענגער מאַכן,
קלעמסט דאָס לײַב, מאַכסט שווערער די נשמה,
גלײַך ס׳וואָלט געווען אַ קאַמער פאַר מאָנאַכן!

— ?ווי קאָן עס זייַן
פון טרויבן אונדזערע פאַרוועדסטו אונדז צו טרינקען ווייַן
!?און ווילסט ס׳זאָל אונדז נישט אַרן

צי בלויז די שטעט אַליין קומט גליק
?און מיר אין סטעפּ — מיר זאָלן דאַרן

אונדזערע מיידלעך בלייַען — מילגרוימס צונטער
— און אונדז, די זין, האָט איר געבוירן מונטער
איז וואָס זשע נאָר — אין נעכט מיד שלאָפן,
— — — ?אין טעג — אויף פעלדער ברענען

ביז ווען וועסטו מיט אַזוי פיל בייז אונדז שטראָפן
?און קינדער אייגענע וועט איר נישט קענען

סימנים

לויט די שעפּסענע געשרייען,
לויט דעם פּאָכן פון געפליגל —
קאָן מען אָנען סאָראָ ווייען
גרייט דער שטורעם אין זײַן טיגל.

לויט די וואָלקנס פּוסטן וואָגל,
לויט די ווינטנס בייזן טרײַבן
קאָן מען וויסן צי דער לאָגל
וועט אָן רעגן לײדיק בלײַבן.

און בײַ מענטשן — די סימנים:
ווי זיי גייען אײַנגעבויגן,
ווי די כמאָרע אויפן פּנים,
ווי דער ציטער אין די אויגן.

קומט מער קיינער נישט אַקעגן,
מײַדן זיך אין וועג די בליקן —
בלײַב איך שטיין אין גאַנג, אָן וועגן,
שטיי איך פאַר אַ טײַך, אָן בריקן.

דעמאָלט דאַרף איך שוין נישט פרעגן
אויף אַנטרינונג פון די גליקן.

די ראַציאָס שטאַרבן

זי, מילגרוים פול מיט זון־געדאַנקען,
ציפּרעסיקע פּרינצעסין גראַציע —
זי ווײַזט אונדז הײַנט, אין דולן צאַנקען,
ווי שוואַך דער פונדאַמענט פון ראַציאָ.

אויף סאַמע העלסטן פעלד צעפּלאָנדערט —
איז זי דער שאָטן פול מיט אימה.
איר גוף חנט שלאַנק, איר קאָפּ נאָך בלאָנדיקט,
נאָר אין איר זונק — דער קריץ פון ביינער.

ווּ איז איר בליק דער העלער, פּרײַער?
ווּ איז איר וואָרט — פון גאָלד די קלאַנגען?
איר בלאָנדקייט לויפט ווי פלאַם צום שײַער
מיט צעפּ די צווייי — געצונדן זאַנגען.

אַ וואָרענונג, אַ שלעכטער סימן,
אַז אונדזער פרייד שוין לאַנג אַנטלאָפן,
אַז שוין פאַרגעסן איז דער הימען
און יעדנס האַרץ איז מער נישט אָפן.

ס'איז זי וואָס רויבט דאָס גאָלד פון גאַרבן
און טריפט דעם האַרבסט אין די געטראַנקען.
זי זאָגט דאָס אָן, אַז ראַציאָס שטאַרבן
און ס'זינקט די וועלט אין אומגעדאַנקען.

בלינדע פערד

סאַראַ פּילדער און געלײך
צו איר די שוואַרצע אַזוי זיך בוקן?
און אײדער דו באַגרײַפסט —
די דלאָניעס זיך שוין רוקן:
שוואַרצע פּרינצין,
זאָג אונדז מזל...

ווײ, עס שווידערט מיר דער רוקן,
ווי מיט פעסטן שפּײַט אַ מײַזל.

אַז איקאַריער, קעמפער, זעער,
אַפּאָסטאָלן פון נײַעם יִשוב —
זײ גאָר זאָלן רענדלעך צאָלן
פאַר אַ מזל־שפּרוך פון כּישוף.

נאַכט אין מיטן טאָג דעם קלאָרן,
די שוואַרצע פּרינצין איז אַלץ מטמא.
מיט בלינדע פערד איז זי פאַרפאָרן
און זי פירט אַ ליקוי־חמה.

דער אונטערצינדער

זײַן מישכּבֿ — אַ באַראַק דער סאַמע אָרעמסטער,
די ברעטער שפּאַלטיקע מיט קרישלעניש און לאָך,
די קנוילן שפּינוועבס — גאַרדינען אויף די פֿענצטער
און טעפּעכער געשפּרייט פֿון קראָפּעווע און מאָך.

זײַן בגד נאָר אַ גראָער, שאָרסקער, לײַנענער,
מיט אַ צלמל פֿרום און נזירדיק צעוויגט.
און אויף די שוועלן, אין ווייכן פֿרעכנע־פּוילעכץ,
האָט מיט אים בײַנאַנד געשוויגן זײַן ווײַסע ציג.

אַ וואָרט אויס זײַן מויל האָט דאָ קיינער נישט געהערט,
זינט ער איז געקומען מיט דער שיף קיין ניו־אָרלינס.
אַזאַ טיף־סודיקער און שטאָלץ־פֿאַרשלאָסענער,
מיט בליק פֿון אַפּאָסטאָל, מיט הילוך פֿון אַ פּרינץ.

פֿאַר אַלע — אַ פֿאַרהוילעניש און רעטעניש,
אַ תּושבֿ פֿון איקאַריע, קיינעם נישט באַקענט.
און גיי ווייס, אַז דער איז פֿון פֿאַריזער מלכות
אַזאַ גראָבנדיקער טכויר, אַ ניזכיקער אַגענט.

*

זײַן שטאָלצע שווײַגעניש אַ פֿרעמדקייט האָט געזייט
אין טראָט פֿון מי, אין טעמען פֿונעם ביסן.
ווו נשמות פֿלאַטערן זוכנדיק אַ פֿרייד —
דאָרט האָט ער אין שוועב די פֿליגל אָפּגעריסן.

גאָר אַ בליק געטאָן — און שוין האָט סם געזאָטן,
די פֿרייד פֿאַרוווּנדיקט, פֿאַרפֿלעקט די ריינסטע שטראָמען.
און אַליץ ער, דער קדוש — דער פֿאַרשטעלטער שׂטן,
דער שאַרף־גיפֿטיקסטער פֿון די געשמאַקע שוואָמען.

מיט בלאַנד בערדעלע — אַ גילדעניש פון זאַנגען,
מיט בלאָע אויגן — אַ מאַדאָניש פרומער סוד.
גיי ווייס דאָס אָרט ווּ עס נעסטיקן די שלאַנגען
אין גרינקייט פון דער ערד מיט שיינקייטן פון גאָט.

*

נאָר מיט קאַבע אַליין פלעגט ער רעדן
גוט־חבריש און זאָרגעוודיק און זיס;
פאָרשן אַלע פלענער, דינסטע פעדעם
פון דזשונגל אין די שטאָטן ביז פּאַריז:

צי דאָרט חברים נאָך זענען טרײַע,
צי איז קאַבע ווען אַהין געלאַדן —
און סאַראַ שייכות האָט דאָ דער שײַער
מיט יענעם פײַער אויף באַריקאַדן...

קאַבע, מיט תמימות, האָט אויף זײַן אופן
אַנטפּלעקט כוונות די גלייביק שטילע:
מיר דאָ — פאַמעלעך, און זיי דאָרט — לויפן,
נאָר איינס דער ווילן און איינס די צילן...

איז טאַקע אַזוי — איז וויל מיר זייער:
איין געהיימע שײַקע דאָ און דאָרטן...
מיט סם און פלאַם האָט דער פּאָליצייער
בײַ נאַכט געציקלט זײַנע ראַפּאָרטן:

אַז וויסן זאָלן זײַנע פּרעפעקטן,
ווער עס זענען דאָ די אַלע תמימים,
אַז די בייזע פעסט האָט ער אַנטדעקט דאָ
אין אינטערנאַציאָנאַל — דאָ דערינען.

*

אַזוי גרייט אַ טכויר זײַן גרעבעניש אונטער די שטײַגן —
און פּלוצעם איז ער אַרויס פון נזירדיקן שווײַגן,
צעשיקלט זײַנע תּמע, בלאָע בליקן,
צו בונטעווען און העצן, צו סמען און דערשטיקן.
אַרײַן איז ער אינעם געווימל
ווו אַלט און יונג האָבן זיך געריסן,
ווי אַ בורר אַ געשיקטער פונעם הימל,
ווי אַ שומר און אַ נאמן פון געוויסן.
מיט כיטרען וואָרט האָט ער געמישט זײַן פּאַר און קעגן,
עלעהיי אַ טריקעניש מיט רעגן,
געקלאַפּט אויף פּלייצעס, געצויגן בײַ די לאַצן
און אין זײַנע אויגן האָבן געברענט
אַזוי היימעשלעך, דאָך פרעמד —
צווי אונטערצינדערשע שטורקאַצן.

אויף אַלץ זײַן זאָג, אַלץ צוגעבאַמט
און מיט טעם פון האָניק האָט ער געסמט,
געשטראָפט די אַלטע:
זיי וועלן באַגראָבן און אַפילו נישט באַוויינען...
און צו די יונגע:
ווי מילבן ווערט איר נעבן די זקנים...
ס׳איז דאָן יעדע ביטערניש צו זײַן באַראַק געקומען—
ווער נאָר ס׳איז אין טרויער טיף געפאַלן.
אַזוי קומט געווילד צו אַ פאַרלאָזטן ברונעם
ווו גרינער מאָך סמט שוין די קוואַלן.
אויף בלומרשט — אויסגאָס פונעם האַרץ,
אויף בלומרשט איז מען זיך מיישב...
זײַנע סמען האָט זים געטריפט
דער הייליקער מכשף.

*

און איינמאָל, פּלוצעם אין אַ טאָג — העל־זומער
האָט אָפּגעברענט די מיל ביז לעצטן שפּענדל.
נישט פון אַ בליץ און אויך נישט פון אַ דונער —
דעם סוד האָט נאָר געוווּסט אויף דאָך דאָס פענדל.

דאָס פענדל — רויט, פאַרשלונגען אינעם פײַער,
האָט זיך אין ווינט געריסן עס צו מעלדן:
זײַט וויסן, זאַנגען, אין געפּרעס פון שײַער!
זײַט וויסן, זריעהס, אויף די ברייטע פעלדער! — — —

די נאַכט האָט צוגעזען ווי פלאַמען טאַנצן,
ווי פליגל פאַלן ברענענדיק אַרונטער,
ווי דער מילשטיין, די שופלעס און די שטאַנצן
ווערן אַש אין גהינומדיקן צונטער.

ווי אַלץ ווערט רויך און מיט אַ מאָל פאַרלאָשן,
ווי אַ מיקדש חרובֿט איבער די סטעפּעס.
און ס׳האָט געליימט דאָס האַרץ, געשטומט דאָס לשון
מיט חשד וואָס פרעגט אויף ווער און ווי און עפּעס...

אַז נישט פון בליץ און דונער — טאָ ווער און ווי?
אַז וועלכער הייסער ווינט האָט דאָ געבלאָזן?
וואָס זאָגסטו נאַכט? מען האָט געפּאַרשט אין דער פרי,
געזוכט די שפּורן אין געפלעכט פון גראָזן.

און דער פאַרדאַכט האָט אַלץ געגראָבן ברייטער,
אַיעדנס אויג האָט פאַרשנדיק געזשמורעט:
צי נישט דער יונג — דער מורד דער צעדרייטער
וואָס בונטעוועט און תמיד אָנגעכמורעט?

די אַלטע אויף יונגע האָבן געטײַטלט
און אַלץ מער געבויגן די מידע אַקסלען:
די שׂינאה יוירט מיט זריעה פֿונעם טײַוול
און סאַראַ סַמיק ברויט פֿון איר קאָן וואַקסן.

און זיי, די יונגע, לאַנג שוין נאָך אַנטווייַנונג,
מיט בונט אין האַרץ און קאָבעניש אין בלוטן,
קעגן זייערע אבות, די זקנים —
גערעדט האָבן מיט פֿײַערדיקע קנוטן:

אין אײַך די ליבע איז שוין לאַנג געשטאָרבן
און קינאה מערט די שׂינאה צו די קינדער.
געזייט האָט איר, נאָר מיר האָבן געדראָשן
און איצט ווילט איר עס זאָל דאָ אַלץ פֿאַרשווינדן.

אַזוי האָבן זיך פֿאָטער — זון געשטויסן
מיט חשד אין האַרץ, מיט מעל-אַש אויף די ליפּן.
און ווער וועט דאָ אויפֿשטעלן די מיל די גרויסע
ווען מען קאָן די טרײַהייט שוין נישט פֿאַרקניפּן?..

מיט קערנער איז געבליבן שטיין דער זייער
און דעם שניטערס קאָסע האָט מיד געוואַקלט.
נאָר איינער דאָרט, דער קדוש — פּאָליצייער,
האָט געשמייכלט בײַם גיפֿטיקן סך-הכּל.

די אסיפה

פון די פעלדער אײַלט מען און פון די סעדער
מיט קראַפּעווע און בלויעכץ ביז די קניען.
די האַרבסטזון ברענט, דאָך כמורעט זיך איעדער
און טיף אין הערצער שווערע וואָלקנס ציִען.

די שטאָלצע און די דרייסטע — ווי געזונקען
נאָך זיבן יאָר פון שווערע מי און מאַטער.
די ביטערנישן אויף איעדן טונקלען:
דו, טשאַטע דו, האָסטו אומזיסט געפּלאַטערט?

דורך וויפל דזשונגלען — ביז מען האָט געלאַנדעט,
פון לואיזיאַנאַ ביז ערד דער אילינויער —
און ווידער ווינט, די קראָען שרײַען: וואַנדער,
פון דאַך פון דער אסיפה אין יעדנס אויער.

מיט טענות קומט מען הײַנט צו דער אסיפה,
די שטומע ווונדן הויך אַרויסצוקלאָגן.
די פאַרדראָסן, באַהאַלטענע און טיפע,
אַ שולדיקן הײַנט זוכן צו פאַריאָגן:

נאָך אַלץ די בלעכן-דינע-הפקר-כאַטע
און דו באַהענגסט זי מיט אַ שילד: גן-עדן.
מיר דאָ אַלע די מידע און די מאַטע —
מיר מאָנען בײַ דײַן חלום, זאָלסט באַשיידן.

מיר ווערן עלטער, שוין די יאָרן ווייניק,
די מידקייט פײַניקט, אַלע אויסגעמאָגערט —
און דו אַזאַ פאַרעקשנטער און שטייניק,
דײַנע תּורות היטסטו, דו שטרענגער זאָגער.

מעגסטו דאָס אַזוי? ווו ווילסטו דערפירן
אונדזער מידן לעבן אין דער בידנער צײַט? —
אַז מיר דאָ אַלע זאָלן זײַן נזירים,
מיר — די קראָפּעווע, די אַלטע מידע לײַט.

לאָז כאַטש זיי, זין און טעכטער פון אונדזער טראַכט,
אַ ביסל אָטעמען מיט גוטע שעהען.
זאָג נישט: אייביק. זאָל זיי ווילן כאָטש די נאַכט,
אויף טישן שטעל די בעכערס פון הנאה...

אַזוי אָ בונטעוועט דאָס דאָרף דעם אָוונט,
די גאַנצע עדה — בייז און אויפגעצאָרנט.
צו משפט שטייט דער טרוימער און דער נביא
און ס׳ווארט אַ קרייץ, אַ נאָגל און אַ דאָרן.

און ווי אומעטום און תמיד — בלײַב אַליין,
טרעגער דו פון טרוים, היטער פון אַ רעיון.
צום מידבר גיי, צו די קוואַלן פון געוויין — —
דער סטעפּ איז ברייט און די שאַקאַלן שרײַען.

אין שמועס מיט זיך

דרייסט זײַן מוז איך, מיט אמת זיך נישט שעמען
און אויפהייבן מײַנע פֿאַרברענטע ברעמען
ביז דערזען אין ווײַסלען די דנאָענס שרעקן.
דער הימען, וואָס כ׳האָב פֿרי־באַגין געזונגען,
איז נישט מײַן פֿליכט בײַ נאַכט, ווען זון געזונקען,
און כ׳קאָן נישט דעם שטרויכל מיט לויב באַדעקן.

נישט לויב, נישט פֿלוך דיר, פֿרייד נישט געקומענע,
נאָר פּרוּוון מוז איך די שטראַלן זונענע
צו זען די ליכטיקייט מיט מאָס פֿון ווונדן.
כ׳מוז קוקן טיף אויף דנאָ פֿונעם שוואַרצאַפּל
צו דערזען אין די שטראַלנס העלן צאַפּל,
וואָס לײַכט נאָך דאָרט און וואָס ביז אַש געצונדן.

צי נישט כּישוף בלויז די גאָלדן זונענע
אין אויגנלעכער די אויסגערונענע, —
כּדי צו מאָנען פֿאַר די בלינדע שאַנדן.
און בײַם הייבן זיי, די פֿאַרברענטע ברעמען —
מוז איך וויסן: די שווערע שולד פֿון וועמען,
צי מענטש אין פֿעלד? צי גאָט אויף הימלראַנדן?

*

אַזוי בין איך און מײַנע מידות שטרענגע
אַ שטאָלצער אָדלער לאָזט נישט קיינעמס פּלאַטער.
איך האַלט זיי און כ׳היט זיי אין שטײַגן ענגע
און מיט גאָרנישט בין איך זיי מוותּר.
איך זוך אַליין די שולד אין האַרץ: זאָג ווער דו ביסט —
ווילסט מענטשן בענטשן אָדער גאָר פֿאַרשעלטן?

אַז וואָס באַהאַלט איך דאָרט — אַ נײַעם קריסט,
צי גאָר אַ רױבעריונג אַ צאָרט-פאַרשטעלטן?
דאָרט מײַן שולד זע איך, נאָך איידער װער זי וואָרפט
ווי אַ לעסטערשטיין אין מײַן אַלטן פּנים.
איך שנײַד אַלץ מער אין מײַן האַרץ כירורגיש שאַרף —
און כ׳זע דאָרט אינעם בלוט דעם רויט פון פאָנען...

*

מײַן טאָג-קלייד דאָס אַדוואָקאַטישע
איז לאַנג שוין מאָיליק און צעריסן.
מײַן משפּט הײַנט פאַר שופטים יאַטישע
אָן געזעצן און אָן געוויסן.

אומזיסט דאָס וואָרטן איך זאָל פּרעדיקן
און נישטערן אין פּאַראַגראַפן.
כ׳וועל שטומען דאָרט, זיך נישט פאַרטיידיקן,
מײַן מוטיק וואָרט אין האַרץ וועט קלאַפּן.

ס׳איז שוין דער גזר באַקאַנט און וואָס נאָך מער?
אַז ווער מיט וואָס קאָן מיך דערשרעקן?
גיי ווידער וואַנדרעווען, דו אַלטער גר,
מיט האַק און פּאַק און לאַנגן שטעקן.

נישט שיף, נישט באַן, באַראַט אויף הפקר-ווינט,
ווער ווייס צי איך װעל ווו דערפאָרן.
אַ, ס׳וועט נאָך װען דאָס גרויסע וואָגלקינד
אַרויסשרײַען פון שוואַרצן אָרון!

צום חבר מאַרסעל

דו הערסט דעם פלוך, איך זע פּײַלן,
אַזאַ טאָג וואָס שוואַרצט ווי טאַטער,
און אויב מען וויל כ׳זאָל דאָ פאַלן
אויף איקאַריע־וועג גאַלגאַטער —

טאָ זאָג בײַם קבר דאָס אַליין
צו אַלעמען, די פאַרגעסער,
אַז כ׳האָב געוואָלט אַ וועלט וואָס שיין
און אַ מענטש, ווי קינדער, בעסער.

אַז איך דעם מענטש בין טרײַ געווען
און בין אַזוי שוין פאַרבליבן
און אַז מיט מײַנע פינגער צען
זײַן געבאָט האָב איך געשריבן.

דערפאַר די שינאה האָט מיך פרי
מיט שאַרפער פײַל צעריסן.
און זאָג: דאָס איז מײַן שׂכר און מי —
דער חלום — מײַן בעסטער ביסן.

און קיינער דאָרט זאָל נישט וויינען,
מיט שוואַכן אויג מיך באַראָפּיען,
און מײַן קבר זאָל באַשטיינען
דער גרינער שטיין פון אוטאָפּיע.

צו־לעצט

ווי געשירן וואָלטן וויסן וואָס צווישן פינגער,
אַן אַבלות האָט זיך געשפּרייט איבער די טישן,
ווי טעלערס וואָלטן זען די גומענס און די צינגער
און די געבלוטן מיט די ביטערע געמישן.

אַז וואָס געשעט דאָ אין דער יונג־ברידערלעכער היים?
און ווו איז ער, דער אַלטער מאַן, דער שטאָלצער זקן?
כ׳האָב אים געפונען אויף דער ווײַטסטער באַנק איין־אַליין,
מיט שטאַרע בליקן אַזוי איינזאַם און דערשראָקן.

כ׳האָב זיך געשעמט מײַן פרעגעניש בײַ אים צו פרעגן.
זײַן פּנים האָט שוין אַלץ געזאָגט מיט געלע קאַרבן.
זיבעציק יאָר האָבן געוויינט אין אָט דער רגע,
זיבעציק פאָנען האָבן אָפּגעטריפט די פאַרבן.

און נאָר די ליפּן, מיט אַ גוטס אין שווערסטן צער —
זיי האָבן נאָך געצוקט, געבענטשט די גראָבע זינדער.
ס׳איז מיט זײַן געפּעק אַוועק דער אַלטער קאָמונאַר,
פאַרפרעמדט פון דאָרף פון זײַנע אויסגעטרוימטע קינדער...

און איך — פון וועגן פון די העלישע אין יונגלאַנד,
פונעם גלילס און פון שומרונס אמונה־גראָזן —
איך האָב געזען דאַן אין קנוילן פון די דזשונגלען
ווי דער טראָן פון אַלע גוטסן בלײַבט לער, פאַרלאָזן.

ווי איין־אַליין גייט אויף זײַן וועג דער חלום־ריטער
קיין ס״ט־לואי איבער אַ דאָרנפעלד אָן וועגן.
די בלאָע קאָרנבלימלעך האָבן דאַן געציטערט
און איך, מיט טרערן זוניקסטע האָב אים געזעגנט.

דער ווידוי פון

דער ווידוי

איך עטיען קאַבע, אויך איך
פיל דעם פראָסט אין זיך.
דאָס קול פון טריבון — אין האַלדז,
אין אויג — דאָס טרוימערליכט,
נאָר פראָסט אויף אַלץ,
אַזאַ האַרטע שיכט!

איך עטיען, דאָס זינגיק יינגל פון דיזשאָן,
איך קאַבע, דער דרייסטער לידער פון פּאַריז —
איך זוך מײַן שטאָלצע פאָן
און אַ קעלט פאַרקלעמט די קרוכלע פּיס.

ווו איז די פאָן פון באַריקאַד?
ווער וואַרפט דיך אום, דו וועלטסאָלדאַט?

*

ווי בין איך אַלט! ווי קאָן איך אַלט?
ווי זינדיקן צו אייגן בלוט?
דער זייגער קלאַפּט, דער פאָרהאַנג פאַלט —
טאָ זינג, מײַן האַרץ נאָך איין מינוט.

איין האַנט אויף האַרץ, איין האַנט דאָרט ווײַט...
מײַן טאַטע גייט, ער קומט אַהער.
כ׳בין ווידער אין מײַן יינגלצײַט,
מײַן טאַטע רופט: עטיען. איך הער.

מײַן טאַטע רופט: בלײַב, יינגל, דאַ,
נאָר דער וועג בין איך און אויך דער גאַנג...
מיך ציט, מיך פירט די גרויסע שעה
מיט די מאַגנעטן פון געדאַנק.

איך זינג, איך וועק און שאַל און גרים
מיט בלום פון טרוים און בלוט פון ווײ
אויף באַריקאַדן פון פּאַריז
מיט יינגסטן פונק פון פּראָמעטעי...

איך שוואַכלינג מיטן זינגיק האַרץ —
אויף די אַרענעס האָב איך געגליט.
די וועלט — האָב איך געזאָגט — איז האַרבסט
און וויל דעם האַרץ ווי פרילינג בליט.

דעם טרוימגעדאַנק האָב איך געטרויט,
דעם שאַרפן בליץ וואָס לויפט און צינדט.
די וועלט — האָב איך געזאָגט — ווי טויט,
און זאָל זי ווידער ווערן קינד.

און פון די גאַסן אין פּאַריז —
צו דיר, איקאַריע, נײַע וועלט,
מיט ווונד פון אָפּגעזעגנטע פיס
צום אַקערטראָט אויף סטעפּנפעלד.

שטאַטן די, אַמעריקע-לאַנד,
קאָמונע-נס אויף בתולה-ערד — — —
איך האָב געוואָלט פון ראַנד ביז ראַנד —
גאָט אין מענטשן האָב איך באַגערט.

טאָ ווי זשע אַלט, ווי קאָן איך אַלט,
ווי זינדיקן צו אייגן בלוט?
דער זייגער קלאַפּט, דער פאַרהאַנג פאַלט —
טאָ זינג מײַן האַרץ נאָך איין מינוט.

*

איך קוק צוריק אויף דעם גאַנצן וועג,
פונעם ערשטן שפרונג ביז מידע קני.
מעת-לעתן מײַנע, איך נעכט און טעג
אין שיכּרות הייסער פון ראשן בלי — — —

כ׳האָב נישט געקאָנט ווי אַ שטיפער סתם
בלויז נאַשן קושן ווי שאָקאָלאַד.
איך האָב זשעדנע שטאַרק געליבט דעם פלאַם
פון תּמיד דאָרשטיק און קיין מאָל זאַט.

אומזיסט געוואָלט ווי אַ פילאָזאָף
מיט שאַרבן מעסטן די הימלען קאַלט,
נאָר כ׳האָב באַלד דערפילט, ווי אָן אַ סוף
פון וועלטנקראַטער די לאַווע פאַלט.

איך אומזיסט געפּרוּווט ווי לערער האַרב
מיט אַלף-בית די פּאַמעלעך-טריט.
ס׳האָט בייז געבונטעוועט מײַן האַרץ
און געשריען: ניין, מיט דינאַמיט.

און עס שרײַט נאָך איצט, אַז ניין און ניין,
צו די קרוכלע פּיס בײַם לעצטן גאַנג...
איך וועל אויפשטיין נאָך און גיין און גיין
מיט די מאַגנעטן פון מײַן געדאַנק.

ווער שניצט אַ שטיין? ווער שטעלט אַ פלויט
און פאַרוויקלט קלאָג מיט שוואַרצן קרעפּ?
נישט גאָט, נישט מלך און נישט דער טויט —
זינג מײַן האַרץ! איקאַריע לעבט!

THIS

*

מײַן לעצטער טראַט צו דיר און אויך מײַן לעצטער דאַנק.
ס"ט-לואי, זאָל מיר הײַנט דײַן ערד נישט זאָגן: גר.
פון אַלע וועגן — דו, אַן אָפּגעשפּאָרט געשאַנק,
און ס'איז מײַן לוין פאַר דיר די אײנע רײנע טרער.

כ'האָב אַ פרײד געוואָלט, מיט דער היץ פון בלוט באַגערט
צו יעדער ליכטיקײט, צו נעמען אַלץ וואָס גוט —
און איצטער בעט איך נאָר: טײל אױס פיר אײלן ערד
און זאַפּ אַרײַן די צערן פון מײַן שטורמיק בלוט.

די גלעקער קלינגען שוין, באַלד פאַלט די נאַכט אויף מיר.
איך עס דאָס אונטברויט און קוק צום רויטן פלויט...
אָ, ווער לויפט עס דאָרט? פון דיזשאָן אַ גרענאַדיר —
און אָט איז ער אַריבער דעם באַריער פון טויט.

גוט-אָוונט און אַדיע... צו מיר, צו מיר קומט ער
מיטן לעצטן צוק פון זון, ווען איך פאַל שוין בלינד —
צו מיר, דעם אַל-פאַרגעסענעם, דעם וועלטן-גר —
מיך אײַנצוהילן מיט אַ פאָן און מיט אַ ווינט.

די שעה איז שפּעט, נעם מיך צו.
איך דאַנק דיר, גרינע ערד, פאַר רו...

דערקלערונגען און עטלעכע ווערטער

די אַלע נעמען און ערטער, וואָס איך האָב אויף די בלעטער דער־מאָנט, האָבן אַ שייכות, אי וואָר אי געדאַכט, מיט די גענג און טרע־פּענישן פון עטיען קאַבע און מיט דער תקופה פון זײַן לעבן (1788—1856):

ד י ז ש אָ ן, די היימשטאָט פון עטיען קאַבע, האָט אים אויך געגעבן די גײַסטיקע נערונג פאַר זײַן בונטאַריש־חלומדיקער צוקונפט. זי האָט אים באַשאָנקען מיט די לעגענדעס פון אירע אויפשטענדלער — „די גזלנים" — בעת דער גרויסער פראַנצייזישער רעוואָלוציע.

די שילדערונג וועגן דער פאַטערשאַפט פון פּ ר אָ ס ט ן ב ע ד נ ע ר שטיצט זיך אויף די ביאָגראַפישע מקורות פון קאַבעס היים־סביבה אין דיזשאָן. אַזוי אויך — די געשטאַלטונג פון זײַנע רײַפע יוגנט־יאָרן, ווי אַ יונגער אַדוואָקאַט צווישן די טריבונאַלן און גיליאָטינעס פון פּאַריז. אויף אירע גאַסן, אין באַריר מיט די אויפגעברויזטע המונים, האָט אויפגעצײַטיקט דאָס דיזשאָנער יינגל צו דער גײַסטיקער פאַטערשאַפט פון זײַנע אינטעלעקטועלע פאָרגייער, צום דענקער ז ש אַ ן ז ש אַ ק ר ו ס אָ, דער פאָרשער פון „אָפּשטאַם פון אומגלײַכהייט", און צום מאַרטירער פ ר אַ נ ס ו אַ נ אָ ע ל ב אַ ב ע ף, דער גרינדער פון „בונד פון די גלײַכע". פון זייערע רעיונות האָט קאַבע געפונען דעם וועג צו זײַנע אוטאָפּיסטישע גלײַכהייט־פּראָיעקטן — דער חלום פון קאָמונע־שטאַט א י ק אַ ר י ע.

די דערמאָנטע ו ו י ק ט אָ ר ה ו ג אָ און זײַן תלמיד דער יונגער דיזשאָנער פּאָעט ל ו אָ י ב ע ר ט ר אַ ן — האָבן אויך זייער שייכות מיט דעם וועזן פון קאַבע אין דער אמתן האָבן אויך זיי, די פראַנצייזישע ראָמאַנטיקער, מיט זייערע אויסטערלישקייטן און פאַרביקייטן, געשאַפן אוטאָפּיעס אין די ראַמען פון זייער קינסטלעריש געוועב. זייער אָפּרישנ־דיקער עקזאָטישער דמיון האָט געשוועבט אין די אַלע מינים אוטאָפּישע פּראָיעקטן פון יענער צײַט.

מיט די געדאַנקען און פּלענער פון ר אָ ב ע ר ט אָ ו ע ן האָט קאַבע זיך באַקענט בעת זײַן אָפּריכטן גלות אין לאָנדאָן, נאָכן אויסמײַדן אַ תּפיסה־גזר־דין אין פּאַריז. דער יונגער אַדוואָקאַט, דער פּאַרטײדיקער פון די רעוואָלוציאָנערע „קאַרבאָנאַרן" האָט זיך דעמאָלט אַ װענד געטאָן פון אַלע יורידישע פּאָרמולעס און פּאַראַגראַפן צו זײַן דמיונדיקער שאַפונג „אַ נסיעה קיין איקאַריע", אַ װיזיע פון אַ מאָרגנלאַנד, רעגירט פון יושר און פרײַהייט. פון די דמיונות זײַנע האָט קאַבע שפּעטער געפּאָרעמט פּראָגראַמען און פּראָיעקטן און מיט די אַנטוישטע באַריקאַדן־קעמפער פון פּאַריז געשאַפן זײַן גרױסע באַװעגונג פאַר „איקאַריע", דאָס אילוזאָרישע לאַנד. זײַנע טרוימערישע מאַניפעסטן האָבן אַהין גערופן און אין 1848 האָבן די ערשטע צענדליקער פּאַרלאָזט פּאַריז, זיך געלאָזן צו די װײַטענישן פון טעקסאַס, כּדי דאָרט צו שאַפן די קאָמונע פון איקאַריע.

*

בײַ די יונגע סאָציאַליסטישע װיסנשאַפטלער פון יענער צײַט האָט קאַבע אויסגעזען װי דער „נאַיװוסטער פון סאָציאַליסטן", און אַלע שטרויכלונגען אויף זײַן װעג האָבן אויף דעם עדות געזאָגט. די קאָמונע „איקאַריע" האָט דורכגעמאַכט ערשטע באַגײַסטערונגען און באַלד האָט אויף איר געװאַרט דער גורל פון װאָגלעניש: לואיזיאַנאַ, אילינוי; ראַנגלעניש מיט דזשונגלען און סטעפּעס; געהויבענע געדאַנקען אין פּרוּװ פון האַרטער װאָר; אײנזאַמע כּאַרפּרעמדונג פון אילוזאָרישע אינדזלען צװישן שטעט װאָס װאַקסן מיט ליכט און געניוס; סתּירות צװישן יונג און אַלט, — און ס'האָט נישט געסטײַעט דער חלום כּדי צו פאַרהאַלטן די ירידה... קאַבע, דער בעל־רעיון און גרינדער, מיט דער עקשנות פון אַ שטרענגן פאָן־היטער האָט ביסלעכװײַז געשאַפן אַ תּהום צװישן זיך און דער עדה, ביז ער איז אַרויסגעשטויסן געװאָרן און פאַרבליבן מחוץ למחנה, װײַט פון זײַן קאָמונע־דאָרף װאָס ער האָט אויסגעחלומט און געשאַפן. פאַרגעסן איז אויך געבליבן זײַן באַדאָרניקטער קבר אין ס"ט לואי.

און דאָך מישט די געשיכטע אירע בלעטער. איך קום צו זײַן

פאַרגעסענעם נאָמען, ווײַל איך זע אין יענעם גלייביקן און טראַגישן גאַנג נאָך אַ סך צינד־און לײַכטשטאָף פאַר נײַע תקופות.

נאָך די בלוטיקע נסיונות פון אַריבער הונדערט יאָר זעען אויך אויס די וויסנשאַפטלעכע פאָרזעער ווי נישט־דערזעער... און נישט צו זייער שאַנד, נאָר צו זייער לויב, וואָס אויך זיי, די וויסנשאַפטלער זענען געווען בעלי חלומות... און ווידער — די „נאַיווע", וואָס האָבן געצווײַפלט אין נס פון באַריקאַדן און אין בטחונדיקן מוז פון אויטאָמאַטיש באַגרינדעטער גאולה — און דעריבער געזען אַ בויטוועכדיקייט עפּעס צו טאָן און ווירקן פאַר תיקון האָדם דורך פּיאָנערישע נסיונות — זיי זעען איצט אויס, טראָץ אַלע שטרויכלונגען, אַ ביסל ווײַטזעעוודיקער און רעאַלער.

אויך די דורכפאַלן און שטרויכלונגען פון אַזעלכע פאַרמעסטן פאַר־מינערן נישט זייער ווערט. זיי זענען אַ כבוד־באַווײַז פאַרן מענטשלעכן מין אין זײַן גאַנג צו אַ שטאַפּל העכער.

די ליכט פון מענטשלעכע באַגערן פאַרלעשן זיך און צינדן זיך ווידער. אין זייער שײַן זע איך נאָענט און אַצונדיק די צײַטן און ווײַטן פון יענער תקופה ווען ס'איז אויפגעגאַנגען נישט צו פאַרגיין דער נאָמען פון עטיען קאַבע.

*

די ווערטער ברענג איך צו טישן וואָס וואַרטן אויף יום־טוב, אין פערציק־יאָריקן יובל פון מײַן קיבוצאיש דאָרף. איך זע צווישן אַלע איינעם אַ פאַרטרויערטן אורח, וואָס קומט אָן נישט דערקענט, פון אַריבער הונדערט יאָר צוריק, מיט אונדז טרינקען דעם בשׂורהדיקן ווײַן פון אַ נײַעם אויסגעחלומטן טאָג.

אריה שמרי

קיבוץ עין־שמר 1968

אינהאַלט

ווען דער שטערן רופט

צו זײַן נאָמען 9
בײַם דיזשאָנער ברונעם 12
דעם בעדנערס זון 21
צווישן זומער און האַרבסט 23
דער בייזער שכן 25
די רגע פון אָפּשייד 27
אַ תּפילה בײַ קברים 33

אין צאָרן

אַלייען און גלעקער 37
צווישן מוזעס 39
אַ בריוו פון גאַסן 41
בײַם שלײַפראָד 42
ביכער 43
באַבעף 44
אַ דאַנק, הוגאָ 45
בײַם שרײַבטיש 47
המונים 49
צום גאָון פון געזעצן 56
בריוו פון דער בריק 58
צו לואי בערטראַן 61

דער חלום פון גרין

מיט אַ בוך אין רענצל 67
אוטאָפּיע 70
צו די יונגע מאַרקס און ענגעלס 74
מיטן שטראָם פון געדאַנק 76
אונטער אַ פאָן אין ווינט 79
די ערשטע 84

הימנען אין סטעפּ

אין ניו־אָרלינס — 1848 89
אַ תּפילה צווישן בערג 91
אין סטעפּ 93
ערשטע זריעה 95

עיקרים פון איקאַריע 96
אַ בינשטאָק גייט 101
אַ מיקדש 102
אַ טרעמפּ אַ גאַסט 103
די פּרוי פון ניו־אָרלינס 105
דער יונגער חבר 106
הימנען אין סטעפּ 108
בײַם טיש פון איקאַריע 111

מעטעאָרן

אַ בלעטל פון אַ טאָגבוך 121
פּאָר אַכטן ווינטער — 1855 122
די גלעקער פון ניו־אָרלינס 123
דער חשבון 126
מיר, יונגע לײַט 128
סימנים 130
די ראַציאָס שטאַרבן 131
בלינדע פערד 132
דער אונטערצינדער 133
די אסיפה 138
אין שמועס מיט זיך 140
צום חבר מאַרסעל 142
צו־לעצט 143

דער ווידוי פון עטיען קאַבע

דער ווידוי 147

דערקלערונגען 153

ביכער — לידער און פּאָעמעס פון זעלבן מחבר:

ל״ו שירים על לייזר ציפּרס

עברית — א. שלונסקי

„ספרית פועלים״, תל־אביב, 1939

אין טויער פון טעג

„ספרית פועלים״, תל־אביב, 1947

אין וואָכיקן ליכט

„ספרית פועלים״, תל־אביב, 1953

אַ שטערן אין פעלד

„די גאָלדענע קייט״, תל־אביב, 1957

די פונקען פון תּיקון

פאַרלאַג „י. ל. פרץ״, תל־אביב, 1960

צייכענונגען פון ב ע ן

טריט אין גן־אָדם

„ספרית פועלים״, תל־אביב, 1965

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל

ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד־מרדכי
יידיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן
לידער

ריקודה פאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים
דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן
לידער

אריה שמרי / דאָס ייִנגל פון דיזשאָן
פאָעמע